STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01334

SHIRIM

Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

חלק א׳

שירים

פון

הרה״צ סקולענער רבי׳ן שליט״א

און פון זיינע באגלייטער

חלק ב׳

דערציילונגען

פון

הרב צבי יוסף מויסקי

מחבר פון שער הלכה ו״ח

און נאך ספרים

ניו יארק תשמ״ב

כל הזכויות שמורות
©
Copyright 1978 by
RABBI H. MYSKI
90 Ross Street, Apt. 2M
Brooklyn, N. Y. 11211

דפוס סטאַר
STAR COMPOSITION SERVICE
11 West 25th Street • New York, N. Y. 10010
Tel. (212) 989-1359

פארווארט

חשובע לייענער,

איך גיב אייך איבער שירים פון סקוליענער רבי און זיינע דערציער.

מענטשן קענען זיך וואונדערן, אז אזא ייד ווי דער סקוליענער רבי זאל זיך פארנעמען מיט שרייבן לידער. די דערקלערונג איז אבער פאלגענד.

ווען דער רבי איז געווען רב אין סקוליען איז ער געשטאנען פאר אן אויפגאבע צו שאפן א תלמוד תורה פאר די יינגלאך פון שטעדטל.

אין שטעדטל איז געווען א שולע פון תרבות און ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די שולע פון תרבות איז געווען אין א ריין ציוניסטישן גייסט.

ביי דער האנט פון דעם רבי זענען געשטאנען עטליכע ארימע מענטשן און די תלמוד תורה האט געהאט זייער ווייניג געלט.

ווייל די תרבות שולע איז געווען א ריין ציוניסטישע, האבן זיך צוגעטשעפעט צום רבי מענטשן מיט פארשידענע מיינונגען, ווייל זיי האבן ניט געהאט די מעגליכקייט אליין זיך צו ארגאניזירן.

סקוליען איז געווען א קליין שטעדטעלע און ס'איז געווען צווישן די 2 שולן זייער א שארפער קאמף.

כדי די תלמוד תורה זאל האבן אן אפקלאנג און אן אטראקציע און כדי קינדער זאלן צו איר צוגעצויגן ווערן, האט דער רבי געמאכט שירים פאר די קינדער און מעליאדיעס צו די שירים און ס'האט געהאט אזא אפקלאנג, אז די ציוניסטן פלעגן זאגן: דער סקוליענער רב מיט זיינע גזאנגען וויל פארכאפן גאנץ בעסאראביע.

אין די 50-ער יארן האט דער סקוליענער רבי געהאט אין בוקארעסט א מיידל היים פון בערך א 200 מיידלאך און דארט זענען געווען קינדער אין עלטער פון 4 ביז 24.

ס'זענען ניט געווען קיינע ביכער. ס'זענען ניט געווען קיינע לערערינס. ס'זענען ניט געווען קיינע צייטונגען. די איינציגע זאך, פון וואס די קינדער האבן געשעפט זייער גייסטיגן שפייז זענען געווען די פארשטעלונגען.

די פארשטעלונגען האבן די קינדער געגעבן באשעפטיגונג - זיי האבן זיך געדארפט צו די פארשטעלונגען גרייטן. דאס האט געגעבן די קינדער פארגעניגן - זיי האבן זיך געקענט באווייזן.

פאר די גרעסערע קינדער זענען אויך די פארשטעלונגען געווען פון גרויס וויכטיגקייט - דאס האט זיי געגעבן פארווייילונג און ס'האט זיי זייער אסך פארהיט פון זוכן אנדערע ערטער.

אין די לעצטע יארן, ווען דער קאמיוניזם האט פארשפרייט זיינע פליגלען אויף דער גאנצער גזעלשאפט און ס'איז פארבאטן געווארן יעדער קלאנג, וואס איז ניט עכט קאמוניסטיש זענען די פארשטעלונגען געווארן א פארוויילונג פאר אסך זייטיגע מענטשן, וואס האבן נאר געהאט א צוטריט צו סקוליען.

ס'איז געווען אמאל א שבועות פארשטעלונג בערך א 4-3 טעג נאך שבועות. דער סקוליענער רבי האט דערקלערט פאר די מענטשן דעם ענין פון די שבעת ימי המילואים און באוויזן אז די טעג געהערן נאך צו יום טוב. נאכן רבי האט גענומען דאס ווארט, סאלא שמידט - דער פרעזידענט פון דער יידישער קהלה אין בוקארעשט און ער האט געזאגט: דער רבי האט אונז דערקלערט אז די טעג געהערן נאך צו יום טוב. מיר דארפן ניט די דערקלערונגען ווייל אלע מאל ווען מיר זענען צוזאמען מיט דעם רבי, איז ביי אונז א יום טוב.

מערערע מאל האט דער רבי שליט"א דערמאנט, אז ער וואלט געוואלט מען זאל די שירים דרוקן. זיי זענען דאך גוט פארן חינוך.

ווען ס'האבן זיך אנגעהויבן דרוקן אין אידישן ליכט מיינע דערציילונגען, האב איך געפרעגט דעם רבי: אפשר זאל מען דרוקן די שירים צוזאמען מיט די דערציילונגען. דער רבי שליט"א האט אויף דעם געזאגט: די דערציילונגען זענען דאך אזוי ממשיך!

א טייל פון די שירים האבן מעליאדיעס. די איבריגע שירים קענען לייכט באקומען מעליאדיעס, ווייל די הויז פון סקוליענער שליט"א (זאל מאריך ימים זיין) איז דאך א קוואל פון נגינה.

דער רבי האט געטענה'ט אז מען דארף מאכן נאטן צו די מעליאדיעס. דער זון פון סקוליענער, הרב ישראל פארטוגאל שליט"א האט געזאגט צו זיין טאטן (זאל מאריך ימים זיין), מען דארף מאכן טייפס צו די ניגונים און לאמיר האפן, אז ר' ישראל שליט"א וועט שטיין אויף דער וואך, אז דער ענין זאל גיך דערליידיגט ווערן.

די שירים דארף מען לייענען זייער פארזיכטיג און זיך היטן פון פרעגן פראגן, ווייל פיל מאל האט דער רבי שליט"א ביים צופאסן א ווארט זיך געשטיצט אויף מאמרי חז"ל.

ס'איז געווען אמאל אין זומער, ווען איך האב באזוכט דעם רבי אין מאאונטין דיל, האט מיר דער רבי גערופן צוריק נאכן זיך געזעגענען מיט אים און מיר געבעטן בייטן א ווארט אין א שיר, ווייל דאס נייע ווארט האט א מקור אין די חז"ל.

חשובע לייענער! איך גיב איבער אייך די שירים. לייענט זיי אליין און לייענט זיי פאר אייערע קינדער און זאל השי"ת העלפען, אז דאס זאל ברענגען די געהעריגע רעזולטאטן.

דאס שבת קודש ליד

דער שבת קודש קומט! דער שבת קודש קומט!
ער איז דאך פון ג-ט באשטימט.
צו קומען אין דיין הארץ, אין דיין נשמה,
דיר צו ברייגען א גאנצע נחמה.

נעם אים אויף פאר א חשובן גאסט,
מיט אלעס וואס דו האסט.
געדענק דעם שבת צו הייליגן,
מיט אים דיין נשמה צו פאראייביגן.

רו אין אים און פארשוועך אים נישט,
מיט געשעפט און מלאכה.
וועט דיר דערפאר ג-ט בענטשן,
מיט פיל ברכה.

שטיי אויס דעם נסיון -
דעם שבת צו היטן,
וועט דיר דערפאר ג-ט בענטשן
מיט אלעם גוטן.

דער זכות פון שבת קודש איז זייער גרויס,
ער לאזט זיך דאך אייביג נישט אויס
און אז דו וועסט דעם שבת רוען,
וועסטו דאך א גאנצע וואך אויפבליען.

געבענטשט וועסטו ווערן ממקור הברכה,
מיט שפע ברכה און הצלחה.
און ס'וועט דיר תמיד זיין גוט און וואויל,
אז דו וועסט נישט מאכן פון דעם שבת חול.

צו אלע וואונדן איז דער שבת א רפואה,
צו אלע צרות א ישועה.
אוועק אלע פינסטערניש פאר דעם שבת ליכט,
פאר זיין הייליגן געזיכט.

נעם דעם שבת אין הארץ אריין,
וועט דיר ליכטיג און פרייליך זיין.
דו וועסט דערלעבן די ישועה פון כלל ישראל,
ובא לציון גואל!

נידער מיטן שקרווארט

לאמיר אלע אויסשרייען נידער מיטן שקר ווארט
כאר: נידער מיטן שקר ווארט

ביי יעדן מענטש, צייט און ארט
דארף באלייכטן דאס אמת ווארט
לאמיר אלע אויסשרייען ס'לעבט דאס אמת ווארט
כאר: ס'לעבט דאס אמת ווארט

מענטש! מענטש! עפען שוין די אויגן
און קום אין ג-טס וועגן
אין די וועגן פון דער תורה
וואס געגעבן פון דעם בורא
אין דער תורה וועסטו געפינען ליכט און מאראל
ווי זיך צו פירן פאר ג-ט פאר מענטש און איבעראל
די תורה לייטערט אונזערע הערצער און מוחות
זי שטארק און פארשאפט אונז תמיד נייע כוחות

תורה! תורה! איז אונזער ליכט
תורה! תורה! איז אונזער געדיכט!
כאר: תורה! תורה! איז אונזער ליכט
תורה! תורה! איז אונזער געדיכט!

תורה ציווה לנו משה מורשה קהלת יעקב

תורה! תורה! ג-טס תורה
אייביג וועלן מיר זיך אין דיר האלטן
דיינע ווערטער, דיין לערע
טוט פאר אונז תמיד גילטן

דו לערנסט אונז צו זיין גוט און ערליך
פאר ג-ט און פאר לייטן
ווי ס'זאל נישט זיין שווערליך
וועלן מיר דיר קיינמאל ניט פארבייטן

צום אידישן פאלק

דו אידיש פאלק!
ביזט פון אלע דורות און צייטן,
ארומגערינגלט מיט פיינד
פון אלע 4 זייטן.

דיר האט מען תמיד געמארדעט,
געשטיקט און געווארגן,
דו האסט זיך תמיד געפארעט
מיט ווייטאג און מיט זארגן.

דו האסט אבער אלע מאל איבערגעטראגן
דיין ווייטאג און דיין צער,
ווייל דו האסט געוואוסט אז דיינע ליידן
וועלן באקרוינט ווערן מיט גרויס שכר.

און דיין האפענונג אין ג-ט
וועסטו קיינמאל נישט אויפגעבן,
ווייל ס'לעבט דאס אידיש פאלק
און אייביג וועט עס לעבן.

ברכה געזאנג

ביי יעדן עסן זאלסטו אין ג-ט נישט פארגעסן,
גיב אים אפ א לויב פאר זיין גוטער גאב.
גיב פאר אים א ברכה,
וועט ער דיר געבן הצלחה.

ג-ט גיט אונז לעבן — לעבן און געזונט,
דארפן מיר אים לויבן און נישט טאן קיין זינד.
טו זשע נישט קיין זינד און זיי א ליבעס קינד,
לערן די הייליגע תורה און בלייב געטריי דעם בורא.

פון די בערג סיני און מורי׳

פון די בערג סיני און מורי׳,
דאס ליכט אין די אייביגקייט שיינט,
פון די בערג סיני און מורי׳
שעפן מיר קרעפטן נאך היינט.

אויף דעם בארג סיני האט דער באשעפער,
פארן פאלק זיין תורה געגעבן.
אויף דעם בארג מורי׳ האט דער פאטער יצחק,
פאר דעם באשעפער געאפערט זיין לעבן.

די לערע פון סיני וועלן מיר האלטן,
אין אלע דורות און צייטן.
דער זכות פון מורי׳ וועט אונז
ביז דער אייביגקייט באגלייטן.

מיר גלויבן! מיר גלויבן!

מיר גלויבן! מיר גלויבן! אז קומען וועט זיכער,
דער טאג פון ניצחון וואס איז אונז פארשפראכן,
וואס איז אונז פארשפראכן פון ג-ט.
מיר גלויבן! מיר גלויבן! אז קומען וועט ער גיכער,
אויב ס׳וועט ווערן צובראכן דער פאלשער בטחון
דער פאלשער בטחון אין מענטשנ׳ס גענאד.

מיר האפן! מיר האפן! אז קומען וועט זיכער,
דער גליקליכער מארגן - דער סוף צו די זארגן,
דער סוף צו די זארגן און בלוט.
מיר האפן! מיר האפן! אז קומען וועט ער גיכער,
אויב אין פאלק וועט אויפלעבן די בענקשאפט און דאס שטרעבן,
די בענקשאפט און דאס שטרעבן צו גוט.

מיר ווייסן! מיר ווייסן! אז קומען וועט זיכער,
דער היסטארישער שליח - דער טרייער משיח
דער טרייער משיח פון ג-ט.
מיר ווייסן! מיר ווייסן! אז קומען וועט ער גיכער,
אויב מיר וועלן פלאנצן און זייען - אין אונזערע רייען
אין אונזערע רייען זיין געבאט.

דער קרבן תורה

מיר זענען זייער רייכע מענטשן,
מיר פארמאגן א סך געלט.
אונזער סחורה ווערט פארקויפט,
אין אלע לענדער פון דער וועלט.

מיר זענען אויפן ים געפארן,
און אן אומגליק האט פאסירט.
א שטורעם ווינט איז אויסגעבראכן,
און האט אונזער שיף פארפירט.

בייזע כוואליעס פון אלע זייטן,
האבן אונז געווארפן ארויף און אראפ.
און פון טויט די שווארצע האנט,
האט געהאנגען איבער אונזער קאפ.

ג-ט האט אבער מיט זיין גרויסקייט,
דערהערט אונזער קרעכץ און פיין.
האט איינגעשטילט די בייזע ווינטן,
און אונז באוויזן זיין ליכט און שיין.

מיר זענען בשלום אנגעקומען,
אין אונזער שטאט אין אונזער לאנד.
דער רבונו של עולם האט קלאר באוויזן,
די גרויסע וואונדער פון זיין האנט.

מיר זענען דעריבער אהער געקומען,
צו געבן ג-ט א לויב און דאנק.
מיר האבן געבראכט א קרבן תודה,
א גוטן אקס פאר א געשאנק.

די לוויים

איר האט געזען די האנט פון באשעפער,
איר האט זיין הייליגע שטים דערהערט.
דערציילט דעם נס פאר אלע מענטשן,
זאל אים לויבן די גאנצע ערד.

הויבט אן דינען ג-ט מיט פרייד,
קומט פאר אים מיט א לויב געזאנג.
ווייל איר האט דאך שוין געזען,
אז ער קען דערפילן אייער פארלאנג.

געדענקט אז ג-ט האט אייך גערעטעט,
און נישט אייער פארשטאנד און קראפט.
ווייל גארנישט זענען דאך אונזערע כוחות,
אנטקעגן ג-ט וואס בויט און באשאפט.

ער איז אונזער קעניג און מיר זיין פאלק,
ער איז אונזער פאסטוך און מיר זיין שאף.
אונזער לעבן איז ווי א שאטן,
און ער איז אן אן אנהויב און אן א סוף.

האסט געבראכט דעם קרבן תודה,
דאס איז נאר א קורצער דאנק.
דארפסט אנהויבן דינען דעם באשעפער,
מיט דיין געפיל און דיין געדאנק.

ביזט געקומען צו דעם טויער,
קום אין הייליגן הויז אריין.
האסט זיך געהייליגט אויף א רגע,
דארפסט אבער שטענדיג הייליג זיין.

צו די 93 קדושות

ס'איז באקאנט אין אידישן פאלק די געשיכטע פון די 93 אידישע טעכטער, וואס זענען פארנומען געווארן דורך די דייטשע רוצחים.

דאס זענען געווען אידישע טעכטער אין יונגן עלטער, דערצויגן אין פרומע הייזער.

זיי האבן געפילט אז זיי ווערן געהאלטן פאר צוועקן וואס זענען א שאנד פאר דעם אידישן כבוד.

איינע פון זיי האט אפעלירט צו די איבריגע חבר'טעס און מיט א גיפט, וואס איז זיי געלונגען צו באקומען, האבן זיי געמאכט א סוף צו זייערע יונגע לעבנס.

פעלקער וועלן געבוירן ווערן,
און פעלקער וועלן שטארבן.
לענדער וועט מען בויען,
און לענדער וועט מען פארדארבן.

אייער נאמען וועט אבער לעבן,
דורך דורות און צייטן.
אין אלע וועלט טיילן,
אויף אלע וועלט זייטן.

ווייל הייליג האט איר געלעבט,
און הייליג זענט איר געשטארבן.
פון אייערע יונגע לעבנס,
געמאכט האט איר א קרבן.

עלטערן וועלן דעריבער,
דערציילן פאר קינדער.
וועגן אייער העלדישן טויט,
מיט חידוש און וואונדער.

און פארשריבן וועט ווערן,
מיט גאלדענע ווערטער.
די הערליכע געשיכטע,
פון די 93 טעכטער.

שבת נחמו ליד

טרייסט מיין פאלק! טרייסט מיין פאלק!
האט געזאגט......דער ליבער ג-ט.
גענוג געווייטאגט און געבלוטיקט,
האט ירושלים מיין הייליג שטאט!

אין דער מדבר שרייט א שטימע,
שפאלט די פינסטערניש פון דער נאכט.
פארשווינדן זאלט איר בערג און טאלן,
פאר ג-טס מאיעסטעט און מאכט!

ס'גייט דער הערשער פון די וועלטן,
צו ישראל, זיין טייער קינד.
ברענגט אים חסד, ברענגט אים רחמים,
ברענגם אים מחילה אויף זיינע זינד.

טרייסט מיין פאלק! טרייסט מיין פאלק!
האט געזאגט......דער ליבער ג-ט.
איך וועל באגיסן מיט גליק און פרייד,
ירושלים......מיין הייליג שטאט!

חנוכה ליד

ווען די יוונים זענען אויפגעשטאנען אויף אונז אידן,
געוואלט צושטערן אונזער פרידן.
אונזער תורה - אונז מאכן פארגעסן,
און אונז אפרייסן פון אונזערע הייליגע געזעצן.

צושטערט האבן זיי דאס הייליגע הויז,
געוואלט אונז מאכן גייסטיג הויל און בלויז.
פארפינסטערט האבן זיי אונז דאס לעבן,
גרויסע צרות האבן געטאן אויף אונז שוועבן.

אבער די חשמונאים די הייליגע העלדן,
האבן איבערגעקערט די יונישע וועלטן.
פארטריבן די יוונים פון בית המקדש,
און צוריק הילכט דאס קול פון קדוש קדוש.

דאָס ליכט פון דער מנורה צוריק אנגעצינדן,
און דעם בית המקדש מיט די אידן צוריק פארבינדן.
צוריק אויפגעשטראלט דאס ליכט פון דער תורה,
און שוין מער פאר די יוונים קיין מורא.

פרייט זשע זיך אידישע קינדער,
מיט א פרייליך הארץ און פנים.
דערציילט אלע ג-טס וואונדער,
פון אונזער נצחון איבער די יוונים.

פורים ליד

ניט געטראכט און נישט געקלערט,
ג-ט האט המנ׳ס פלאן צושטערט.
לאמיר זינגען לאמיר טאנצן,
לאמיר פריילעך זיין אינגאנצן.

און משלוח מנות לאמיר שיקן,
אלע הערצער צו דערקוויקן,
אלע ברידער צו געדענקען,
מיט מתנות זיי באשענקען.

לאמיר זינגען אט די ליד,
לכבוד מרדכי דעם איד.
זינגט זשע ברידער! זינגט זשע שוועסטער!
לעבן זאל די מלכה אסתר!

גארנישט דענקען, גארנישט קלערן,
ג-ט וועט המנ׳ס פלאן צושטערן.
שושנת יעקב, העכער הויך,
פול מיט לעבן, פול מיט כח.

פורים ליד

לערערין: זינגט זשע קינדער אלע
טאנצט זשע דארט און דא,
אויף דער וויסטער מפלה
פון המן דעם רשע.

קינדער: מיר וועלן זינגען אלע
טאנצן דארט און דא,
אויף דער וויסטער מפלה
פון המן דעם רשע.

לערערין: זינגט זשע קינדער אלע
טאנצט און ווערט נישט מיד,
פאר דעם גרויסן צדיק
פאר מרדכי דעם איד.

קינדער: מיר וועלן זינגן, טאנצן
און נישט ווערן מיד,
פאר דעם גרויסן צדיק
פאר מרדכי דעם איד.

לערערין: זינגט זשע קינדער אלע
טאנצט אין מיטן גאס,
פאר דעם שווארצן סוף
פון זרש די מרשעת.

קינדער: מיר וועלן זינגן אלע
טאנצן אין מיטן גאס,
אויף דעם שווארצן סוף
פון זרש די מרשעת.

לערערין: זינגט זשע קינדער אלע
טאנצט זשע הין און הער,
פאר דער גרויסער צדיקת
פאר מלכה אסתר.

קינדער: מיר וועלן זינגן אלע
טאנצן הין און הער,
פאר דער גרויסער צדיקת
פאר מלכה אסתר.

לאמיר טאנצן אלע
שפרינגן ווי שיכורים,
לכבוד דעם פרייליכן יום טוב
לכבוד דעם יום טוב פורים.

הערט זשע קינדער אלע
איך בין דאך פול מיט שרעק,
איך זע מיט מיינע אויגן
אז פורים גייט אוועק.

פורים! פורים! פורים!
ביזט דאך שיין און פיין,
כ׳וויל ס׳זאל א גאנץ יאר
נאר פורים זיין!

פורים! פורים! פורים!
זענען אלע גלייך,
אלע זענען פריילין
סיי ארים און סיי רייך.

פורים! פורים! פורים!
דו ברענגסט דאך פרייד און גליק,
אויב דו וועסט אוועקגיין
קום צו אונז גיך צוריק!

בכורים

חיימל: איך בין יעצט טאטע
אין גארטן געווען,
און א סך שיינע פרוכטן
האב איך דארט געזען.
אלע בוימער זענען
מיט פרוכטן באדעקט,
פון אלע ווינקעלאך
צויבערט און שמעקט.
די פרוכטן אויף די בוימער
ווי פייערליך זיי גליען,
די ציטראנען אין דעם גארטן
ווי הארציג זיי בליען.
זאג מיר אבער טאטע
פארוואס ווילסט אונז נישט ערלויבן,
צו עסן פון די איילבערטן
טייטלען און טרויבן?

פאטער: איך וויל אייך נישט ערלויבן
פון די פרוכטן צו עסן,
ווייל א מענטש איז נישט קיין בהמה
א מענטש טאר קיינמאל נישט פארגעסן.
וואס ס'שטארקט זיין קערפער
און וואס ס'טוט זיין קערפער אפשוואכן,
ווייל פארדארבן דעם קערפער
איז א גרויס פארברעכן.
מען טאר דעריבער נישט עסן
פון די פרוכן וואס זענען נישט רייף,
ווייל וואס ס'איז געפערליך פאר דעם קערפער
איז פארבאטן און טרייף.

חיימל: איך האב אבער טאטע
אויף איין בוים געזען,
א טייטעלע א רייפן
וואס איז וואונדערבאר שיין.
און ס'ציט מיר דער טייטעלע
גאר אן א שיעור,
איך בעט דיר טאטע
גיב עס צו מיר.

פאטער: איך וואלט דיר דאס זיכער געגעבן
מיין טייער זיס קינד,
דאס וואלט אבער געווען
אנטקעגן ג-ט א גרויס זינד.
ווייל ג-ט האט אין זיין תורה
אזוי אונז געשריבן,
דאס ערשטע פון דיין פרוכט
זאלסטו מיר אפגעבן.
מיר מוזן דעריבער
דעם טייטעלע דעם שיינעם,
אין בית המקדש פאר ג-ט
בכורים ברענגען.

חיימל: זאג מיר אבער טאטע
איך קען נישט באגרייפן,
צו וואס דארף ג-ט
דעם טייטעלע דעם רייפן.
דער רבי האט אין חדר
אזוי אונז דערקלערט,
אז די גאנצע וועלט
צום ליבן ג-ט געהערט.
און ג-ט איז דער אלמעכטיגער
וואס בויט און צושטערט,
און ער דארף נישט עסן און טרינקן
ווי די באשעפענישן פון דער ערד?

פאטער: ס'איז אמת וואס דו זאגסט
מיין תכשיט מיין פרייד,
אלעס וואס אויף דער ערד
און איר לענג און אין איר ברייט,
געהערט צו ג-ט
דער באשעפער פון דער וועלט,
וועלכער מאכט טאג און נאכט
היץ און קעלט.
און ער דארף נישט קיין טרינקן
און ער דארף נישט קיין עסן,
דאס איז א הייליגער פרינציפ
וואס מען טאר נישט פארגעסן.
ג-ט האט אבער באשאפן
די גרויסע און שיינע וועלט,
נישט כדי צו פארקויפן
דאס לעבן פאר גאלד און געלט.
נאר כדי צו דערפילן
ג-טס הייליגע רייד,
כדי דורך דעם צו געווינען
די אייביגע גליק און פרייד.
כדי פאר דעם ווילן פון ג-ט
צו ווידמען דאס לעבן,
און דעריבער דארף מען
דאס ערשטע פאר ג-ט געבן.

חיימל: זאג מיר אבער טאטע
איך קען דאס נישט פארשטיין,
פארוואס דארפן מיר מיט די בכורים
אין בית המקדש גיין?
דו האסט אונז נישט איינמאל געזאגט
אז מען טאר נישט פארגעסן,
אז ג-ט איז מיט אונז
ווען מיר שלאפן און ווען מיר עסן.
און ג-ט וואס האט
הימל און ערד צוזאמענגעשטעלט,

געפינט זיך אין אלע ווינקעלאך
פון דער גרויסער וועלט.
פארוואס האט דער
באשעפער פון דער וועלט
באשטימט דאס בית המקדש
פאר זיין הייליגן געצעלט?
פארוואס לאזט ער נישט
רוען זיין שכינה,
אין יעדע שטאט
און אין יעדע מדינה?

פאטער: אלעס וואס דו זאגסט
איז אמת און שיין,
די גאנצע וועלט פילט אן
דער בורא עולם אליין.
דער ג-טליכער כבוד
איז אבער נישט אומעטום גלייך,
אין איינעגע ערטער איז ער ארים
און אין איינעגע רייך.
דאס ארט פון בית המקדש איז הייליג
שוין פון לאנגע יארן,
נאך איידער די אידן
זענען א פאלק געווארן.
ווייל אויף דעם ארט האט אונזער פאטער אברהם
געוואלט זיין זון יצחק פאר דעם באשעפער געבן,
דעם זון וואס איז ביי אים געווען טייערער
פון זיין גאנצן לעבן.

חיימל: טאטע געטרייער
אך האב א ביטע צו דיר,
ווען דו וועסט גיין אין בית המקדש
נעם מיט אויך מיר.
איך וויל מיט מיינע פיס
אויף די הייליגע שוועלן טרעטן,
איך וויל אויך אין דעם הייליגן ארט
דעם באשעפער בעטן!

פאטער: געוויס מיין קינד
מיר ווען פארן צוזאמען,
מיט דיינע שוועסטער און ברידער
און מיט אייער מאמען.
כדי איר זאלט אויך
אין די שפעטערע יארן,
מקיים זיין די הייליגע מצוה
און אין בית המקדש פארן.

חיימל: וואס שטייט דארט אין ווינקעלע
וואו דיין טאטע זיצט?
עפעס א קליין קעסטעלע
אזוי שיין באפוצט?

דודל: דאס איז א גאלדן קעסטעלע
געקויפט אין דער שטאט,
אין איר ליגן די בכורים -
א קרבן פאר ג-ט.

חיימל: מיר פארן אויך אין דעם הייליגן הויז
צו דערפילן דעם הייליגן געבאט,
מיר פירן אויך די ערשטע פרוכט -
צו ברענגן בכורים פאר ג-ט.

דודל: וואו איז אבער די קעסטעלע
די שיינע און טייערע?
דו האסט געזען אונזערע
ווייז מיר אויך אייערע!

חיימל: מיר האבן נישט קיין גאלדן קעסטעלע
מיין פאטער האט נישט קיין סך געלט,
מיר האבן א קעסטעלע פון שטרוי
מיין מוטער האט דאס אליין צוזאמגעשטעלט.

דודל: כא! כא! כא! אין א קעסטעלע פון שטרוי
ברענגט מען א קרבן פאר ג-ט!
דאס איז דאך א שאנדע
דאס איז דאך א שפאט!

חיימל: צו וואס דארף ג-ט גאלד
און צו וואס דארף ער געלט?
ער איז דאך דער הערשער
און צו אים געהערט די גאנצע וועלט?

דודל: נישט אמת וואס דו זאגסט
אז ביי ג-ט איז אלץ גלייך,
אז ביי ג-ט איז קיין אונטערשייד
צווישן ארים און רייך!
איך האב געלערנט אין חדר
אין דער הייליגער תורה,
אז קין און הבל
האבן געבראכט קרבנות פאר דעם בורא.
קין האט פרוכט פון דער ערד געבראכט
און ג-ט האט אפגעווארפן זיין קרבן מיט פאראכט,
הבל האט געבראכט א שפעסעלע א שיין
און ג-ט האט אנגענומען מיט ווילן און חן.

(חיימל גייט אוועק א פארשעמטער)

דער פאטער פון חיים:
שעמט זיך נישט קינדער
זייט מיט פרייד און מוט,
דער בורא עולם קוקט נישט וואס מען גיט אים
נאר ער קוקט וואס דער מענטש טוט.
דער באשעפער האט אנגענומען דעם קרבן פון הבל
נישט ווייל ער דארף זיין שיינע מתנה,
נאר ווייל הבל האט געבראכט דעם קרבן
מיט הארץ און מיט כוונה.
דעם קרבן פון קין האט ג-ט אפגעווארפן
נישט ווייל ס'איז נישט געווען ווערט פיל,
נאר קין האט דאס געבראכט
אן הארץ און אן געפיל.
ווען דער מענטש טוט אבער פאר דעם באשעפער
אלץ וואס אין זיין מאכט,

נעמט דער באשעפער אויף
מיט שיינקייט און מיט פראכט.
ווייל דער רבש"ע דארף נישט
אונזער גאלד און אונזער געלט,
די הייסע געפילן פון אונזער הארץ
נאר דאס דעם אייבערשטן געפעלט.

לויב און תפלה פון בכורים:
דער פאלשער לבן דער ארמי,
איז געווען א ליגנער און דעספאט,
ער האט געוואלט פארניכטן דעם פאטער יעקב
און געלאכט פון יעקב'ס ג-ט.
דער פאטער יעקב איז אנטלאפן
אין מצרים דעם וויטן לאנד,
ג-ט האט אבער פארשפרייט אויף יעקב
פון זיין חסד די רעכטע האנט.
יעקב איז אין מצרים געווארן
צו א פאלק א שטארק און גרויס,
און מיט גרויסע נסים און וואונדער
איז דאס פאלק פון מצרים ארויס.
און געקומען איז דאס פאלק
אין ארץ ישראל - דאס הייליג לאנד,
וואו ס'וואכט דאס אויג פון ג-ט
וואו ס'שיצט פון ג-ט די האנט.
איצט שטייען מיר פאר דיר ליבער ג-ט
אין בית המקדש דיין הייליג ארט,
און ברענגען פאר דיר דאס ערשטע פרוכט
און זאגן פאר דיר דאס לויבונגס ווארט.
נעם זשע אן מיט ליבע און ווילן
אונזער קרבן אונזער געשאנק!
הער זשע אויס מיט ליבע און ווילן
אונזער געבעט און אונזער געזאנג!
בענטש די פרוכט פון אונזער ארבעט
בענטש דאס פאלק און בענטש דאס לאנד,

זאל דאס פאלק שוין לעבן גליקליך
און מער נישט וויסן פון קיין שאנד!
זאל דאס פאלק שוין אייביג לעבן
אין זיין לאנד און אין זיין ארט,
זאל דאס פאלק אין גליק דעפילן
דיין געבאט און הייליגווארט!

חיימל: וואס שטייט דארט אין ווינקעלע
וואו דיין פאטער זיצט?
עפעס א קליין קעסטעלע
אזוי שיין באפוצט?

דודל: דאס איז דאך די גאלדן קעסטעלע
געקויפט אין דער שטאט,
און איר זענען געלעגן די בכורים -
דער קרבן פאר ג-ט.

חיימל: אבער וואו פירט איר די קעסטעלע?
איר זענט דאך שוין אין בית המקדש געוועז,
שטייענדיג אין בית המקדש
האב איך אייך דאך אלע געזען?

דודל: מיר האבן די בכורים דעם כהן אפגעגעבן
דאס ערשטע פרוכט פון אונזער פעלד,
די גאלדן קעסטעלע האט דער פאטער גענומען צוריק
ער זאגט דאס קאסט א סך געלט.

חיימל: מיין פאטער האט דעם כהן דאס פרוכט
צוזאמען מיטן קעסטעלע געגעבן,
ער זאגט אז דער באשעפער דארף מען דינען
מיטן גאנצן הארץ און מיט גאנצן לעבן.
כאו כאו זיי האבן זיך בארימט מיט דעם גאלדן קעסטעלע
און זיי האבן אים נישט אפגעגעבן פאר ג-ט,
דאס איז דאך א שאנדע!
דאס איז דאך א שפאט!

(דודל גייט אוועק א פארשעמטער)

דער פאטער פון חיים:
שעמט זיך נישט קינדער
זייט מיט פרייד און מוט,
דער באשעפער איז מוחל דעם מענטשנ'ס פעלער
אויב דער מענטש הויבט אן ווערן גוט.

דער פאטער פון דודל:
איך טו א נדר
פאר דעם באשעפער פון דער וועלט,
אז איך וועל פאר אים ברענגען א קרבן
א גרויסן טייל פון מיין געלט.
און דאס גאלדן קעסטעלע
וואס איז אזוי טייער און שיין,
וועל איך נישט האלטן פאר מיר
נאר געבן דעם בורא עולם אליין.

אלע זינגען: א ווי גוט! א ווי שיין!
ס'איז אין הויז פון ג-ט צו גיין,
ביי דעם באשעפער פון דער וועלט
אז גארנישט גאלד און גארנישט געלט.
אלע זענען ביי אים גלייך,
סיי ארים און סיי רייך!

א רוף צו דער מענטשהייט

מענטש! מענטש! ווי ווייט וועסטו בלאנדשען?
זינקען אין הפקרות?
הפקרות ברענגט דאך
גלות און גזירות.

רייסט זיך ארויס
פון הפקרות און שמוץ,
גענוג שוין געבלאנדשעט
אין גאס און אין הויז.

שטיי אויף און קום
אין די גוטע וועגן,
פאר וועלכע דאס שלעכטס
וועט ווערן פארבויגן!

מענטש! מענטש! צו ביזטו צוליב דעם
געווארן געשאפן?
כדי צו אויסגעפינען
נייע וואפן?

אדער צו פארשמוצן
מיט דער רציחיש שווערד
די ריינע
ג-טס ערד?!

האט דען דער רבש"ע
צוליב דעם באשאפן די וועלט,
כדי צו פארקויפן
די הויכע נשמה פאר געלט.

אדער די נשמה צו פארשמוצן
מיט פוסטע געניסן,
אומשולדיג בלוט צו פארגיסן
און פון עלנדן נישט וועלן וויסן?!

הימל און ערד
שרייען און פראטעסטירן:
מענטש! מענטש!
נישט אזוי דארף מען זיך פירן!

גענוג שוין
רויב און מארד!
נידער מיטן שקר ווארט!

זומער ליד

מיר זענען פול מיט דאנק און כבוד,
פאר דעם וואס זארגט פאר אונז אזוי גוט,
מיר זאלן זיין אידישע קינדער,
פול מיט לעבן און מיט מוט.

זיסע קלאנגן פון פויגלען
וועקן אונז אויף אלע אין דער פרי,
פול מיט לופט און פרייד
איז אונזער מודה אני.

די שטראלן פון דער זון בייטאג
דער שיין פון דער לבנה ביינאכט,
באררייכערן אונזער יונג לעבן
מיט אזוי פיל שיינקייט און פראכט.

ריחות פון גראזן און בלעטער
דערפרישן אונזער יונגן געמיט,
שאטנס פון בליענדע ביימער
אויף יעדן שריט און טריט.

און איבער דעם אלעם דערהויבט זיך
דאס ליכט פון דער תורה די שיינע,
וואס שיינט ארויס פון שטיבעלעך
באשיידענע פשוטע קליינע.

חשוב׳ער לייענער,

די דערציילונגען וועלכע איך גיב אייך דא איבער זענען אלע וואס איך האב געהערט פון פארלעסליכע קוועלן.

ביי יעדע פון די דערציילונגען שרייב איך פון וועמען איך האב די דערציילונג געהערט, און געהערט האב איך פון מענטשן וואס דערציילונג איז ביי זיי געווען נישט וואכעדיג. זיי האבן געהיט נישט נאר די דערציילונג נאר אויך יעדעסווארט פון דער דערציילונג.

איך האב די דערציילונגען געדרוקט אין די אידישע ליכט.

מיט כבוד,

דער מחבר

דער גר צדק פון ווילנע

פארוואָרט פונ'ם שרייבער

די ערצעהלונג האב איך געהערט מיט צענדליגער יאהרן צוריק פון ר' **אהרן ידידאוויץ** זצ"ל, אן אייניקל פון דעם גאון ר' מאיר עפשטיין זצ"ל, וואס איז געווען באקאנט אונטער דעם נאמען ר' **מאיר סניפישקער**.

ר' מאיר איז געווען פון די עלטסטע רבנים אין ווילנע און איז געווען **דער זיידע פון "חזון-איש"** זצ"ל.

אין די לעצטע עטליכע און צוואנציג יאר איז, דוכט זיך מיר, נישט אריבער קיין איין יאר וואס איך האב די דערציילונג עטליכע מאל ניט דערציילט און יעדעס מאל האט די דערציילונג געמאכט א קאלאסאלן איינדרוק.

און איך האב אנגעהויבן באקומען דעם איינדרוק, אז **איך בין דער איינציגער וואס האט די דערציילונג אין דעם פארם און ס'איז מיין אויפגאבע צו איבערגעבן די דערציילונג פאר דעם יידישן פאלק.**

איך האב באשלאסן די זאך נאכצופארשן.

איך האב אנגערופן **ר' יוסף פוקס-מאן** ע"ה און אים געפרעגט וואס ווייס ער וועגן די דערציילונג פון גר צדק. און האב אים דערציילט, אז איך האב געהערט די דערציילונג פון ר' **אהרן ידידאוויץ** און וויל וויסן, צי עמיצער ווייס די דערציילונג אנדערש.

ר' יוסף פוקסמן איז געווען פון אונזער שטאט בעראנאוויץ, און ער האט זייער פיל געוואוסט וועגן דעם יידישן לעבן אין דער פארגאנגנהייט.

ער האט געהאט א זיידן — ר' **אברהם פוקסמן** האט מען אים גערופן — ער איז געווען פון א משפחה פון צדיקים און אליין געווען א גרויסער תלמיד חכם. מען האט אפילו וועגן אים גערעדט אז ער קען קבלה.

ר' אברהם פוקסמן איז געווען באקאנט אלס א גרויסער בעל ספורים און ר' יוסף האט זיך ארום דעם זיידן געדרייט און געזוכט צו נעמען פון אים וואס מעגליך. אין אמעריקע האט ר' יוסף געארבעט אין אן אינסטיטוציע וואס פארשט יידישע געשיכטע.

ר' יוסף פוקסמאן האט מיר געענטפערט: איך ווייס וועגן דעם גר צדק גארניט, אבער איך בין זיכער, אז די דערציילונג ווי איר דערציילט איז דער ריינסטער אמת, ווייל איר האט דאך מיר געזאגט פון וועמען איר האט די דערציילונג געהערט און יענע יידן האבן דאך אין א דערציילונג געהיט ס'זאל זיך ניט בייטן אפילו איין ווארט.

"גר צדק" מיינט א גר פון גערעכטיגקייט. ס'זענען פאראן פארשידענע גרים — פאראן גרים וואס קומען צו דעם אידישן פאלק ניט צוליב גערעכטיגקייט, ניט ווייל זיי האבן טאקע געזען, אז די אידישע אמונה איז די אמת'ע, נאר צוליב געוויסע אויסרעכנונגען ווי צ.ב.ש. קענען טאן א שידוך מיט א קינד פון דעם יידישן פאלק, אדער קענען צוקומען דורך דעם יידישן פאלק צו א געוויסע קאריערע אין לעבן.

אברהם אבינו ווערט אנגערופן אין די פיוטים מיט דעם נאמען — **גר צדק**, ווייל ער איז דאך געווען א גר, וואס אים האט געבראכט צו דער יידישער אמונה נאר די גערעכטיגקייט, דאס וואס ער האט דערזען אז דער אמת'ער ג-ט איז דער יידישער ג-ט. אברהם האט אויסגעזען אלעס צו פארלירן און גארניט צו געווינען דורך אוועקגיין פון געצנדינעריי.

דער גר פון דער דערציילונג, ווי מיר וועלן זען פון דער דערציילונג, האט אלעס פארלארן פאר דער יידישער אמונה און איז פארבליבן אין אונזער געשיכטע מיטן נאמען — **גר צדק**.

* * *

יידן אין באראנאוויטש האבן גערעדט: דער גראף פאטאצקי איז געווען א איד געגנוי 3 יאר. צדיקים האבן געזאגט: ס'שטייט דאך אויף אברהם אבינו, בן שלש שנים הכיר את בוראו, האט אברהם אבינו געוואלט משלים זיין די 3 יאר. און דאס איז געווען דער גראף פאטאצקי.

* * *

ס'האט מיר דערציילט איינער פון די גדולי התורה בדורנו, אז ער האט געהערט פון זיין פאטער: דער גר צדק פלעגט ניט מפסיק זיין אין מיטן דאווענען אפילו פאר ברוך שאמר און מען האט אים געפרעגט: פאר ברוך שאמר מעג מען דאך מפסיק זיין און ער האט געענטפערט: איך בין ניט גלייך צו אייך, אייערע עלטערן האט מען

געשריבן תנאים און אין די תנאים האט מען געשריבן "המגיד מראשית אחרית". ביי אייערע עלטערן האט מען געהיט די פאמיליענריינקייט, איר זייט בני מלכים, איר קענט ריידן צום רבש"ע ווען איר ווילט, ביי מיר איז אין גאנצן אנדערש.

* * *

אין די ישיבה'שע קרייזן האב איך געהערט: דער ווילנער גאון האט אריינגעשיקט צו פאטאצקין אין תפיסה די מעלדונג, אז אויב פאטאצקי וויל, קען דער גאון אים פון תפיסה ארויסנעמען אויף א וועג וואס למעלה מדרך הטבע. פאטאצקי האט אבער געענטפערט אז ער וויל ניט, ער האט אנגעהויבן א קידוש השם און ער וויל אים ענדיקן.

* * *

איך האב אין די זעלבע קרייזן געהערט: אנגעהויבן האט זיך ביי פאטאצקי מיט א זאך פון חסד: פאטאצקי איז געגאנגען אויף דער גאס פון ווילנע און ער האט געזען ווי איין גרופע אינגלאך באפאלט א צווייטע גרופע. פאטאצקי האט געשיצט די באפאלענע אינגלאך און ער האט זיי געפרעגט: וואס האט איר זיי געטאן? פארוואס האבן זיי אייך געוואלט שלאגן? און די אינגלאך האבן געענטפערט: מיר האבן זיי גארניט געטאן, נאר מיר זיינען אידן און זיי קריסטן און דעריבער האבן זיי אונז געוואלט שלאגן. און נאך דעם האט זיך אנגעהויבן די אונרואיגקייט אין פאטאצקיס געדאנקען.

* * *

געשען איז די זאך מיט איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, ווען אין דער שטאט ווילנע איז געווען דער **ווילנער גאון**.

* * *

מיט דעםווארט "גראף" אדער "פריץ" האט מען באצייכענט א גרויסן גוט-באזיצער אין פוילן.

אין די יארן פון מיטלאלטער האבן די גרויסע גוט באזיצער אין די אייראפאישע לענדער געהאט א גרויסע מאכט. מיט דער רעוואלוציע פון פראנקרייך האט זיך אנגעהויבן זייער מאכט צו ברעכן. אין פוילן האט אנגעהאלטן די מאכט פון די גוטבאזיצער זייער שפעט.

* * *

איך בין געוועז 2 מאל אויפן קבר פון גר צדק.

ר' מיכל אהרן, דער משגיח פון בית הקברות האט אונז געוויזן דעם בוך פון ווילנער בית הקברות. אין בוך איז געווען פאטאגראפירט דעם בוים וואס אויפן קבר נאך איידער די דייטשן האבן אים אפגעשניטן.

★ ★ ★

די פריצים פון דער פאמיליע, **פאטאצקי**, זענען געווען די בארימטעסטע פריצים פון **פוילן**.

ערשטנס, זענען זיי געווען פון די רייכסטע פריצים פון פוילן, און צווייטנס זענען זיי געווען גרויסע קאטאליקן. פוילן איז געווען א קאטוילישע לאנד.

דער פאטאצקי פון וועלכן מיר וועלן ריידן, איז געווען א זון פון דעם פריץ, וואס צו אים האט געהערט די גרויסע שטאט ווילנע און די גאנצע אומגעגנט. אזוי, אז ער איז געווען א זון פון דעם רייכסטן און בארימטעסטן פריץ פון פוילן.

די ענגע משפחה פון זיין פאטער איז געווען א קליינע. זי איז באשטאנען נאר פון 3 מענטשן — דער טאטע, די מאמע און נאר דער איין זון.

דער טאטע און מאמע האבן שוין אין די קינדהייט־יארן פון זייער זון באשלאסן, אז זיי וועלן זייער זון מאכן פאר א גלח. זיי האבן געזאגט: ג־ט האט אונז געגעבן איין קינד, דארפן מיר דעם קינד אפגעבן פאר ג־ט.

זיי האבן אים געגעבן די עלעמענטארע בילדונג און ווען דאס קינד איז אלט געווארן 16 יאר, האבן זיי אים אריינגעגעבן אין דער קאטוילישער אקאדעמיע פון ווילנע.

אין דער אקאדעמיע איז געווען א סטודענט מיטן נאמען זארודני. דער איז געווען זייער א קלוגער, און מיט אנדערט־האלבן יאר עלטער פון פאטאצקי. ער איז געווען א זון פון זייער ארימע עלטערן, און איז געווען דער נענטסטער פריינד פון סטודענט פאטאצקי.

איין מאל, בשעת הפסקה, זאגט פאטאצקי צו זארודנען: שוין וואכן אז איך שלאף ניט, שוין וואכן, אז איך קען ניט צומאכן קיין אויג.

פרעגט זארודני ביי פאטאצקין: פארוואס?

ענטפערט אים פאטאצקי: א פראגע מאטערט מיר און גיט מיר ניט קיין רוה.

זארודני: וואס איז די פראגע?

פאטאצקי: 3 סארטן מענטשן זיינען פאראן ארום אונז: די קאטאליקן, אידן און מוסלמענער. די קאטאליקן זאגן, אז ביי זיי איז דער אמת. די יידן זאגן, ביי זיי איז דער אמת און די מוסלמענער — אז ביי זיי איז דער אמת.

דער אמת קען דאך זיין נאר אין איין ארט און ניט אין אלע דריי ערטער, איז וואו איז דער אמת?

ענטפערט אים זארודני: און וואס וועט זיין אז דו וועסט ניט שלאפן חדשים? אויך ווען דו וועסט ניט שלאפן יארן גאנצע, וועט דאס דיר אויך גארניט העלפן. אזוי וועט זיין אלע מאל — יעדער וועט זאגן, אז ביי אים איז דער אמת!

— כל זמן מיר זענען אין דער הויז פון אונזערע קאטוילישע עלטערן — ענטפערט פאטאצקי — אין דער קאטוילישער אקאדעמיע, וועלן מיר קיינמאל דעם אמת ניט וויסן. אויב מיר וועלן אבער ווערן אונאפהעגניג פון אונזערע קאטוילישע לערער, קען זיין אז מיר וועלן זיך יא עפעס דערוויסן.

— ווי איז דאס מעגליך פאר יינגלאך אין אונזער עלטער זיך צו באפרייען פון די עלטערן און פון די לערער? — פרעגט זארודני.

פאטאצקי: פארוואס איז אונמעגליך? מיר קענען פארן אין פארשידענע לענדער און ריידן מיט פארשידענע מענטשן.

זארודני: דיר איז גוט. דו קענסט ריידן וועגן פארן אין פארשידענע לענדער, געלט איז ביי אייך אין הויז ווי בלאטע. ווי קען איך אבער טראכטן וועגן פארן? מיינע עלטערן שלאפן ניט קיין נעכט יעדן סוף חודש. זיי מאטערן זיך אויף דער פראגע: וואו וועלן זיי נעמען געלט צו באצאלן דעם שכר לימוד?!

ענטפערט פאטאצקי: ניין, דו מאכסט א טעות. געלט איז ניט די פראגע, ווייל אויב איך וועל באקומען פון מיינע עלטערן רשות צו פארן, וועל איך באקומען געלט פאר מיר און פאר דיר. די פראגע איז — צו באקומען פון מיינע עלטערן רשות צו פארן.

זארודני: נו אדרבה, פרואוו, אויב דיינע עלטערן וועלן געבן רשות זייער איינציגן זון צו פארן און וועלן געבן געלט פאר דיר און פאר מיר — מיין איך אז מיינע עלטערן וועלן געוויס מיר געבן רשות צו פארן.

פאטאצקי: איך וועל פרואוון.

פארנאכט, ווען פאטאצקי איז געקומען אהיים פון אקאדעמיע, איז פאר אים שוין געווען צוגעגרייט עסן ווי אלע טאג. פאטאצקי איז אבער ניט געגאנגען צום טיש און ניט געגעסן.

די דינסט־מיידל האט געפרעגט דעם אינגל, פארוואס ער עסט ניט. דער אינגל האט אבער ניט געענטפערט קיין ווארט. דאס עסן איז קאלט געווארן. די דינסט־

מיידל האט געשטעלט דעם עסן צו ווארמען, אבער דער אינגל האט ניט געגעסן.

די דינסט־מיידל איז אוועק און גזואגט צו דער מאמען אז ס'איז עפעס געשעהן מיטן קינד, ער וויל ניט עסן. די מאמע איז געקומען אהיים און אנגעהויבן פרעגן דעם זון: זאג מיר, פארוואס עסטו ניט? אפשר פילסטו זיך עפעס ניט אין ארדנונג אין געזונט, וועל איך ברייגנען א דאקטאר. אפשר האט דיר באליידיגט אין אקאדעמיע עמיצער פון די לערער אדער עמיצער פון די סטודענטן?! פאטאצקי האט אבער ניט געענטפערט אפילו קיין אייןווארט.

מען האט גערופן דעם טאטן, און אלע דריי — דער טאטע, מאמע און דינסט־מיידל זענען געשטאנען איבער אים און ניט געקענט באקומען קיין איין ווארט. פאטאצקי איז אוועק אין זיין שלאפצימער און זיך געלייגט שלאפן.

צו מארגן פרי איז געווען געגרייט פאר דעם יינגל א פרישטאג, א בעסערער ווי אלע מאל, ער איז אבער ניט געגאנגען צום טיש עסן נאר א קלאפ געטאן מיטן טיר און פארלאזט די הויז.

גראף פאטאצקי מיט זיין פרוי זיינען אוועק אין אקאדעמיע, געפארשט ביי די לערער, אפשר האט עמיצער פון די לערער זייער קינד באליידיגט. זיי האבן אבער באקומען דעם ענטפער אז אין אקאדעמיע איז אין דעם טאג גארניט געשען. די לערער האבן געפארשט ביי די סטודענטן און זיי האבן געבראכט דעם זעלבן ענטפער, אז צווישן די סטודענטן איז גארניט פארגעקומען עפעס ספעציעל.

פארנאכט, ווען פאטאצקי איז געקומען אהיים פון אקאדעמיע האבן אים זיין טאטע און זיין מאמע אנגענומען פאר די הענט און געזאגט, אז זיי לאזן אים ניט ארויס, ביז זיי וועלן ניט וויסן פארוואס ער עסט ניט.

פאטאצקי האט געענטפערט די עלטערן: איר זייט גוטע עלטערן און אלץ גיט איר מיר נאך, און איך פיל מיר אין געזונט אין בעסטן ארדנונג. נאר איין זאך איז פאראן וואס איר גיט מיר ניט, און כל זמן איך האב ניט די זאך — איז מיין לעבן קיין לעבן ניט!

די מאמע האט אנגעהויבן וויינען און שרייען: איז דען פאראן עפעס א זאך וואס מיר גיבן דיר ניט? אלץ וואס אויף דער וועלט באקומען מיר דאך פאר דיר!

האט דער זון געענטפערט: יא, איהר גיט מיר ניט קיין לערנען.

די עלטערן האבן גענומען טענהן: די בעסטע לערערס האבן מיר געהאט פאר דיר. אין דער אקאדעמיע האבן מיר געשאפן די בעסטע לערער צוליב דיר, און דו זאגסט אז מיר געבן דיר ניט קיין לערנען?!

האט דער זון געענטפערט: וואס לערנט מען מיר? מען הייגט אויף אויפן וואנט א מאפע און מען זאגט מיר: דאס איז איטאליע. איז דאס איטאליע? איך

לייג אריין גאנץ איטאליע אין איינע פון מיינע הענט, צוקנייטש איר אוןווארף אריין אין מיסט קאסטן. מען היינגט אויף א בילד אויפן וואנט און מען זאגט מיר: דאס איז דער פויפסט. איז דאס דער פויפסט? איך נעם איהם אין מיינע הענט, צורייס אים און ווארף אים אריין אין מיסט קאסטן!

טאטע מאמע האבן גענומען שרייען: איז דען מעגליך אנדערש צו לערנען?

דער זון: פארוואס ניט? אויב איך וועל פארן אין איטאליע, וועל איך טאקע זען איטאליע און דעם פויפסט. ווען איך וועל פארן אין ענגלאנד, וועל איך טאקע זעהן ענגלאנד און דעם קעניג פון ענגלאנד.

די מאמע האט גענומען לארמען. אזא משוגעת איז דיר אריין אין קאפ? טאמער פארשפעטיגסטו זיך צו קומען אהיים אין אוונט פון אקאדעמיע אויף 10 מינוט, פאלט מיר ארויס דאס הארץ פון שרעק, אפשר איז מיט דיר עפעס געשען; ווילסטו אוועקפארן אויף וואכן און חדשים, מען זאל פון דיר גאנצע חדשים ניט וויסן? ווארף ארויס פון קאפ דיין נארישקייט!*)

דער אינגל האט זיך ארויסגעריסן פון די הענט פון זיינע עלטערן און אריינגעגאנגען אין זיין שלאפצימער און פארהאקט די טיר.

צומארגן פארטאג האבן די עלטערן פאטאצקי אויסגעקליבן די בעסטע פערד, געזעצט אויף זיי די בעסטע רייטערס און געהייסן זיי פארן מיט דער גרעסטער גיכקייט זיי זאלן צוזאמענרופן אויף א פארזאמלונג די פריצים און די פריינד פון דער משפחה, וואס געפינען זיך אין א ניט וויטן מרחק.

די רייטערס האבן גערדארפט איבערגעבן פאר די אלע פריצים און משפחה פריינד, אז די עלטערן פאטאצקי פון ווילנע געפינען זיך אין א צרה און זיי בעטן אלע פריינד זיי זאלן קומען אויף א פארזאמלונג, מען זאל צוזאמען טראכטן אן עצה.

בערך 3 אזייגער נאך מיטאג זיינען שוין אלע געווען פארזאמלט. ס'איז געווען א פארזאמלונג פון בערך א 30 מענטשן, און די עלטערן פאטאצקי האבן מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, וואס ס'איז זיי געשען — א שגעון איז אריין אין זייער זון, ער וויל פארן אין וויטע שטעט און ווייטע לענדער, און שוין דער דריטער טאג, אז ער עסט ניט.

די פארזאמלטע וואס ארום טיש האבן אנגעהויבן צו ריידן און שרייען — און אלע אין איין טאן: אז מען מוז ברעכן די עקשנות פון דעם יינגל, ווייל אזא נסיעה איז פארבונדן מיט גרויסע סכנות; אין אזא וועג דארף מען מיטנעמען א סאך געלט

*) מען דארף געדענקען אז ס'רעדט זיך ווען די צייטן, ווען ס'איז נאך ניט געווען קיין טעלעפאן און ס'איז געווען אונמעגליך אין ווייטע ערטער צו ריידן; ווען ס'איז נאך אפילו ניט געווען קיין באן, און דער איינציגער וועג פון פארן איז געווען דורך פערד און וואגן, און פארן אין א ווייטן ארט האט גענומען זייער א סאך צייט.

און רויבער קענען זיך פון דעם יינגל דערוויסן און אים בארויבן און אפילו דערהרגענען. דאס קינד קען אויפן וועג קראנק ווערן און ס׳וועט אפילו ניט זיין ווער ס׳זאל אויף אים א קוק טאן.

איין אלטער פריץ, וואס איז געזעסן די גאנצע צייט שטיל, האט דערנאכדעם אנגעהויבן ריידן און האט געזאגט: מיינע פריינד, די זאך איז ניט אזוי פשוט, א קינד וואס האט זיך אזוי איינגע׳עקשנ׳ט אז ער עסט שוין ניט 3 טעג, וואס וועט זיין אז ער וועט נאך צוויי אדער דריי טעג ניט עסן און ער וועט ווערן קראנק? וואס פאר א נחת און פרייד וועלן די עלטערן האבן צו זען זייער איינציגן זון א קראנקן אין בעט?!

פון פארשידענע זייטן פון טיש האבן זיך דערהערט א געשריי: נו וואס? זאל מען אים לאזן פארן?

דער אלטער פריץ האט אבער געזאגט: מיינע פריינד, זייט רוהיג און הערט וואס איך וויל זאגן:

איך מיין ניט מען זאל אים לאזן פארן אליין. אבער איין מאל אין יאהר, פארן דאך סוחרים אויף יריד׳ן פון פארשידענע לענדער. זאל פאטאצקי בעטן די סוחרים, אז דאן ווען זיי פארן — זאלן זיי דעם זון מיטנעמען. אז דער גראף פאטאצקי וועט זיי בעטן, וועלן דאס די סוחרים געוויס טאן און דער יינגל וועט ניט זיין אליין. ווען ער וועט פארן אין א לאנד וועט ער פארן צוזאמען מיט די סוחרים, דאס זעלבע ווען ער וועט אוועק פארן פון א לאנד, וועט ער פארן צוזאמען מיט זיי.

די ווערטער פון דעם אלטן פריץ האבן געביטן די געדאנקען פון אלע פארזאמלטע און אלע האבן איינשטימיג מסכים געווען, אז דאס איז דער בעסטער וועג.

ווען פאטאצקי איז געקומען אהיים פון אקאדעמיע, איז שוין געווען געגרייט פאר אים א פיינע סעודה און טאטע מאמע האבן אים דערקלערט, אז זיי האבן באשלאסן צו דערפילן זיין בקשה. אבער ער דארף פארשטיין אז פאר אזא יינגל, פארן אליין אין אזא וועג איז געבונדן מיט גרויסע סכנות. ווען די סוחרים וועלן פארן אויף די ירידן, וועט פאטאצקי מיט זיי מיטפארן.

דער זון האט געקושט די האנט פון זיינע עלטערן און האט אנגעהויבן עסן. טאטע מאמע האבן געקוקט מיט פרייד וואס ג־ט האט געהאלפן, ס׳איז געפונען געווארן א לעזונג פאר זייער פראגע און זייער קינד קערט זיך אום צום נארמאלן שטייגער.

אין מיטן עסן רופט זיך אן דער זון פאטאצקי צו זיינע עלטערן: ס׳איז מיר געקומען א געדאנק אין קאפ.

— וואס איז עס דער געדאנק? פרעגן זיי אים אומגעדולדיג.

— ס׳איז מיר געקומען א געדאנק, אז איך זאל פרעגן מיין חבר, זארודני, אפשר וועט ער מיט מיר וועלן מיטפארן!

ווען די עלטערן האבן דאס דערהערט, האבן זיי זיך זייער דערפרייט.

1) אויב זייער זון וועט פארן מיט די סוחרים, וועט ער מיט זיי פארן צוזאמען נאר אין לאנד און פון לאנד, אבער אין לאנד וועט דער אינגל זיין אליין;

2) אויב ער וועט פארן מיט די סוחרים, וועט ער, גראף פאטאצקי, קיינמאל פון די סוחרים זיך ניט אויסקויפן;

3) זארודני איז אן ארים אינגל און אויב ער וועט פארן, אויף זיין חבר׳ס חשבון, וועט ער אלס דאנקבארקייט קוקן אויף זייער זון פונקט ווי זיי אליין.

4) זארודני איז אויך אביסל עלטער פון זייער זון און איז זייער א געזעצטער.

פאטאצקי איז אויף מארגן געקומען אין אקאדעמיע און געזאגט זארודניען אז די זאך איז ערליידיגט, און ער זאל ריידן מיט זיינע עלטערן.

דעם צווייטן טאג האט זארודני געבראכט דעם ענטפער, אז זיינע עלטערן זענען מסכים, און מען האט זיך אנגעהויבן גרייטן צום וועג.

גרייטן האט מען זיך געגרייט אין דער הויז פון די פאטאצקי׳ס. אין דער הויז פון זארודני האט מען זיך ניט געקענט גרייטן, ווייל די הכנות זענען פארבונדן מיט געלט און קיין געלט איז ביי די זארודני׳ס ניט געווען.

די פארבערייטונגען האבן גענומען צייט, ווייל מען האט געדארפט צוגרייטן שפייז פאר די 2 אינגלאך אויף א לאנגע צייט; מ׳האט געדארפט גרייטן פאר זיי בגדים אויף זומער און ווינטער; בגדים פאר וואכעדיגע טעג און בגדים פאר יום טוב׳דיגע; ספעציעלע בגדים אויף זיך ווייזן פאר פערזענליכקייטן, א.ד.ג.

בערך 6 וואכן זענען אריבער ביז די אלע פארברייטונגען זענען געווען פארטיג און ס׳איז געקומען דער טאג ווען די 2 אינגלאך האבן זיך געדארפט ארויסלאזן אין וועג.

פון פארנט איז געפארן א וואגן, אויף וועלכן עס זענען געזעסן די 2 אינגלאך. הינטער דעם וואגן זענען נאכגעפארן נאך עטליכע פורן, אויף וועלכע ס׳זענען געזעסן די משפחות פון פאטאצקי און זארודני — צו באגלייטן זייערע קינדער.

עטליכע מייל הינטער דער שטאט האבן זיך די פאמיליעס צוזעגנט מיט די קינדער, און זענען געפאהרן אהיים.

ווען די אינגלאך זענען געבליבן אליין, רופט זיך אן זארודני צו פאטאצקין: נו,

דו האסט שוין אויסגעפירט. מיר זענען שוין אומאפהענגיג פון אונזערע עלטערן און לערער. וואס קלערסטו איצט צו טאן?

פאטאצקי האט איהם געענטפערט: מיר זענען דאך קאטאליקן, קריסטן. דאס ערשטע וואס מיר דארפן טאן איז פארשן דעם קריסטנטום. דאס ערשטע דארפן מיר פארן אין רוים, דארט געפינט זיך דער וואטיקאן, דער פויפסט — דער קאפ פון קריסטנטום.

זארודני האט איהם געגעבן גערעכט.
זיי זענען געפארן וואכן, געפארן חדשים ביז זיי זענען אנגעקומען קיין רוים.

זיי זענען געווען זייער מיד פון וועג, און האבן גענומען א צימער אין א גאסט הויז איבער געשלאפן די נאכט. צומארגן פרי זענען זיי, פרישע און אויסגערוטע, אוועקגעגאנגן אין וואטיקאן.

פאטאצקי האט דערקלערט אין די ביוראען פון וואטיקאן, אז ער איז א זון פון דעם גראף פאטאצקי פון ווילנע און אז זארודני איז זיינער א חבר פון דער קאטוילישער אקאדעמיע.

מען האט די אינגלאך אויפגענומען זייער פריינדליך, ווייל די פאטאצקי׳ס זענען אין וואטיקאן געווען באקאנט. ס׳איז אפילו געווען אין וואטיקאן א פאלאץ, וואס איז געבויט געווארן פון די געלט פון די פאטאצקי׳ס!

פאטאצקי האט געפרעגט צי זיי קענען אויפגענומען ווערן דורך דעם פויפסט. מען האט זיי געענטפערט אז זיי קענען אויפגענומען ווערן דורך דעם פויפסט שפעטער מיט 4 וואכן, ווייל ביז דאן איז דער פויפסט פארנומען מיט אנדערע. פאטאצקי האט געזאגט אז זיי קענען ווארטן.

יעדן טאג פלעגן די 2 אינגלאך קומען אין וואטיקאן. זיי פלעגן זיך דרייען אין אלע צימערן. פאטאצקי פלעגט ווארפן אויף אלע טישן פון די ביוראען צוקערקעס, שאקאלאד און ציגארעטן און וויצן האט פאטאצקי געהאט ממש אן א שיעור. ווען די אינגלאך פלעגן קומען אין די ביוראען, איז אין די ביוראען געווארן פריילך. יעדן אין דער פרי פלעגן די באאמטע פון די ביוראען קוקן אין די פענסטער, צי ס׳גייען שוין די אינגלאך.

יעדן טאג פארן אוועקגיין פון וואטיקאן פלעגט פאטאצקי געבן א געלט מתנה פאר דעם לייב באדינער פון דעם פויפסט, וואס פלעגט צוגרייטן פארן פויפסט די שפייז, אדער די בעט צום שלאפן.

פאטאצקי האט געטאן אלעס וואס מעגליך, כדי זיך צו באפריינדן מיט די ארבעטער פון וואטיקאן, כדי דורך זיי זיך צו דערוויסן וועגן די סודות פון וואטיקאן. באזונדערס האט אינטערעסירט פאטאצקין דעם פויפסט׳ס „ארויפגאנג אויפן הימל״.

די קאטוילישע וועלט אין יענע צייטן האט געגלויבט, אז דער פויפסט גייט ארויף אויפן הימל די נאכט פון 25 דעצעמבער.

4 וואכן זענען אריבער און מען האט געזאגט די אינגלאך, אז מארגן 12 אזייגער וועלן זיי אויפגענומען ווערן דורך דעם פויפסט. זיי זאלן זיין געהעריג אנגעטאן.

די אינגלאך זענען צומארגן געקומען אנגעטאן ווי געהעריג און נאנט צו 12 זענען זיי ארייגעלאזט געווארן אין ווארטע־זאל פון דעם פויפסט. און שוין זיצנדיג אין דעם זאל האבן זיי געזען זיין גרויסקייט.

צו די קארדינאלן האט ער גערעדט א פליסיגן לאטיין, ווי דאס וואלט געווען זיין מוטער שפראך. צו א דעלעגאציע פון פראנקרייך האט ער גערעדט א פליסיגן פראנצויז, אין די מינוטן וואס זיי האבן געזעסן אין ווארטע־זאל, האבן זיי געהערט 7 שפראכן פליסן פון זיין מויל און ווען די אינגלאך זענען אריין צו איהם האט ער זיי אויפגענומען אויף פויליש וואס האט געשפרודלט פון זיין מויל.

ווען די אינגלאך זענען ארויס פון דעם פויפסט, איז זארודני געווען פשוט צומישט פון איבערראשונג פון פויפסט׳ס פערזענליכקייט.

פאטאצקי האט געזאגט צו זארודניען: איך זע אז דו ביזט איבער׳רעש׳ט פון דער פערזענליכקייט פון פויפסט! זארודני ענטפערט: יא, האסט שוין אמאל געזען אזא מענטש ווי דער פויפסט?

פאטאצקי האט געפרעגט זארודניען: זאג מיר וויפיל קאטאליקן זענען פאראן אויף דער וועלט?

— עטליכע הונדער מיליאן.

— און וויפיל פויפסטן זענען פאראן אויף דער וועלט?

— איין פויפסט.

ווען מען קלייבט אויס איין מענטש פון הונדערטער מיליאנען, ווילסטו אז דער מענטש זאל זיין א ניט קלוגער און ניט פיינער?! און וואס מיינסטו, אז דער הויפט פירער פון מוסלמענער איז א מענטש א נאר?! דער גרעסטער אידישער רב איז א נאר?!

זארודני פרעגט ווייטער: דו ביזט דאך געקומען אהער פארשן דעם קריסטנטום

— וואס נאך קענסטו פארשן?

פאטאצקי: מיר פארן נאך פון דא ניט אוועק! די אינגלאך זענען ווייטער געבליבן אין רוים, און די אינגלאך האבן זיך ווידער געדרייט אין די ביוראען פון וואטיקאן.

אין א געוויסן טאג האט פאטאצקי געזאגט צו זארודני:

דא זענען מיר שוין פארטיג, לאמער איצט פארן אין איסטאמבול, דארט געפינט זיך דאך דער הויפט גייסטליכער פון די מוסלמענער.

זיי זענען ווייטער געפארן און געקומען אין איסטאמבול.

פאטאצקי איז געגאנגען אין איסטאמבול אויפן זעלבן וועג, ווי ער איז געגאנגען אין וואטיקאן. געטיילט ציקערקעס, שאקאלאד און ציגארעטן פאר די בעאמטע פון די הויפט ביוראען פון דעם איסלאם. געזוכט אלע וועגן כדי מיט זיי זיך צו באפריינדן.

נאך עטליכע וואכן האט פאטאצקי געזאגט צו זארודנען:

— דאס ציהט מיר אויך נישט, לאמיר איצט פארן און זיך באקענען מיטן גרעסטן אידישן רב. לאמיר זען, וואס ס'טוט זיך דארט.

אויף דער וועלט האט דאן געשמ'ט דער רב פון אמסטערדאם — די אינגלאך האבן באשלאסן אהין צו פארן.

די אינגלאך זענען געפארן און געקומען קיין אמסטערדאם. די אידן האבן דארט געוואוינט אין א געטא. אין מיטן פון דעם געטא איז געווען א גרויסער פרייער פלאץ — דארט איז געווען דער מארק פון שטאט. אויף דעם פלאץ איז געווען א גרויסע הויז — די הויז פון דעם רב.

אין דעם הויז איז אויך געווען א באזונדער טייל פון צימערן, וואס דארט איז געזעסן דער בית דין — די דיינים פון שטאט. אין בית דין פלעגן פארקומען פארשידענע זאכן: מענטשן זענען אהין געקומען פרעגן שאלות; מיט דין־תורות, און דאס גלייכן. ביי יעדע שווערע פראגע פלעגן די דיינים זיך ווענדן צום רב, ער זאל זיי העלפן.

יעדן טאג פלעגט אנקומען צום רב א גרויסע פאסט. ס'פלעגט קומען פאסט פון פארשידענע שטעט און פארשידענע לענדער.

ביים צימער פון רב זענען געשטאנען א סאך מענטשן אין שורה; איינער האט געוואלט דער רב זאל אים בענטשן צו דער חתונה פון זיין טאכטער, א צווייטער האט געוואלט דער רב זאל אים ווינטשן א רפואה שלימה — ביי אים איז קראנק א קינד; אן אנדערער האט געוואלט פרעגן דעם רב אן עצה — ער געהט מאכן א שותפות מיט זיינעם א פריינד.

פאטאצקי האט געטאן דאס זעלבע וואס ער האט געטאן אין רוים און אין איסטאמבול, און האט געזוכט מיט די שמשים זיך צו באפריינדען. אומעטום וואו מענטשן האבן גערעדט, האט פאטאצקי אונטערגעשטעלט זיין אויער, כדי עפעס צו הערן, און באזונדערס האט ער געוואלט הערן וועגן דעם רב און זיין הימלישן וועג.

עס זענען אריבער וואכן, אריבער חדשים — און פאטאצקי האט נישט געקענט כאפן אפילו איין איינציגןווארט וועגן דעם רב'ס הימלישקייט. פאטאצקי האט באשלאסן אז ער האט ניט מער וואס צוווארטן און ער האט באשלאסן צוטרעטן צו דער זאך.

איינמאל, ווען איינער פון די נאהנטסטע שמשים פון רב איז אריין אין ספרים שטוב זוכן א ספר פאר דעם רב, איז פאטאצקי אריין נאך אים און האט צו אים געזאגט:

איך האב צו דיר א בקשה. דו מוזט דאס מיר טאן, איך וועל דיר גוט באצאלן.

דער שמש האט איהם געפרעגט וועגן זיין פארלאנג.

פרעגט פאטאצקי דעם שמש: זאג מיר, ווען גייט ארויף אייער רב אויפן הימל? דער שמש האט אנגעהויבן צו לאכן. פאטאצקי פרעגט דעם שמש: פאר וואס לאכסטו פון מיר? ענטפערט דער שמש:

דו האסט אונז דערציילט, אז דו האסט געלערנט אין דער קאטוילישער אקאדעמיע, און אז דו האסט דארט געלערנט דעם ביבל. ווייסטו ניט, פון דעם ביבל, אז נאר צוויי מענטשן זענען ארויף לעבעדיקערהייט אויפן הימל — חנוך און אליהו?! אפילו משה רבינו, וואס ג־ט האט דורך אים באוויזן אזעלכע גרויסע וואונדער אין מצרים, וואס ג־ט האט דורך אים געגעבן די תורה צו די אידן איז אויך געווען אין הימל בלויז 10 טעג!

פרעגט פאטאצקי: הייסט דאס, אז אייער רב איז נאך קיינמאל נישט געווען אויפן הימל? — ווען וועט ער זיין אויפן הימל...

דער שמש: איבער הונדערט און צוואנציג יאר, ווען זיין נשמה וועט ארויסגיין פון זיין גוף, דאן וועט די נשמה זיין אויפן הימל.

פרעגט ער ווידער: און דיין נשמה און מיין נשמה וועלן איבער הונדערט און צוואנציג יאר ניט זיין אויפן הימל?

שמש: מיין נשמה און דיין נשמה וועלן טאקע אויך זיין אויפן הימל, דארט איז פאראן אן ארט פאר גוטע מענטשן און אן ארט פאר שלעכטע מענטשן. דאס ארט פאר גוטע איז געטיילט אין א סאך פארשידענע ערטער, ווייל גוטע מענטשן זענען פאראן א סאך פארשידענע און דאס ארט פאר שלעכטע מענטשן איז אויך ניט איינער, נאר איינגעטיילט אויף פארשידענע טיילן, ווייל עס זענען פאראן א סאך פארשידענע שלעכטע מענטשן. דאס ארט, וואו די נשמה פון אונזער רב וועט קומען איז אזא ארט, וואס נאר ווייניג מענטשן קענען אהין קומען.

פרעגט פאטאצקי: אויב אייער רב איז נאך קיינמאל אויפן הימל נישט געווען,

און וועט קיינמאל אויפן הימל נישט זיין, איז ער דאך א מענטש אזוי ווי מיר אלע. גיב א קוק וואס עס טוט זיך ארום אים: מענטשן שטייען גאנצע טעג און ווארטן דער רב זאל נעמען זייער האנט און זאגן די צוויי ווערטער — א רפואה שלימה אדער זיי ווינטשן מזל און ברכה. עס קומט אן יעדן טאג אזא גרויסע פאסט אפילו פון אנדערע ווייטע לענדער?!

דער שמש איז צוגעגאנגען צו דער ספרים־שאפע, ארויסגענומען א חומש מיט מפרשים, באוויזן פאטאצקי און אים געזאגט: דו זעסט די גרויסע ווערטער, דאס איז ביבל. די אלע קליינע ווערטער זענען פארשידענע דערקלערונגען פון דער ביבל. אזוי זענען פאראן נאך און נאך סארטן חומשים.

אויסער די חומשים זענען ביי אונז פאראן 60 משניות'ן, און אויך גמרות. דער שמש האט ארויסגענומען פון שאפע א גרויסע גמרא און איהם באוויזן: דו זעסט דעם גרויסן בוך, אזעלכע זענען ביי אונז פאראן צענדליגער.

חוץ דעם זענען פאראן ספרים פון דרוש, ספרים פון פלפול, און נאך פארשידענע ספרים אן א סוף.

אלע אידן דאוונען, אבער פיל פון זיי פארשטייען אפילו ניט דעם אינהאלט פון דאוונען. א סאך פארשטייען דעם אינהאלט פון דאוונען אבער מער גארניט. פיהל אידן פארשטייען די ביבל, אבער ניט די מפרשים. אנדערע פארשטייען די מפרשים אבער ניט קיין גמרא. אזוי איז אונזער פאלק געטיילט אויף פארשידענע סארטן. אבער אונזער רב קען אלץ; נישטא קיין זאך, וואס ער קען ניט.

עס איז פאראן ביי אונז א חכמה וואס זי רופט זיך קבלה. די חכמה קענען נאר געציילטע מענטשן אויף דער ערד. אונזער רב איז אפילו אין קבלה איינער פון די גרעסטע.

פאטאצקי האקט איהם איבער די רייד: איך זעה אז דער רב איז אייער גרעסטער געלערנטער.

ענטפערט דעם שמש: ביי אונז שטייט: לא המדרש העיקר אלא המעשה — קענען איז ניט דאס וויכטיגסטע נאר טאן איז דאס וויכטיגסטע. א מענטש וואס קען א סאך און טוט ווייניג איז נאך ערגער פון א מענטש וואס קען נישט. א מענטש וואס קען א סאך און טוט ווייניג איז ביי אונז געגליכן צו א בוים, וואס האט גרויסע צווייגן און קליינעווארצלען. יעדער ווינט קען אים איבערקערן און אויסרייסן!

אין אונזער תורה זענען פאראן 613 מצות. חוץ די מצות פון דער תורה זענען פאראן מצות וואס אונזערע חכמים אין פארשידענע צייטן האבן באשטימט די מצות פאר אונזער פאלק. אויסער דעם זענען פאראן אנגענעמענע מנהגים און חומרות. אונזער רב איז גרייט פאר יעדע מצוה פון אונזער תורה, פאר יעדע

חומרה פון אונזער תורה, אפגעבן אלץ וואס איז ביי אים טייער.

אונזער רב גייט נישט ארויף אויפן הימל נאר דער הימל קומט צו אים.

אונזער רב איז אויפן הימל אפילו ווען ער איז אויף דער ערד, ווייל אויך דא אויף דער ערד קען ער ערליידיקן הימלישע ענינים.

דער שמש האט דערקלערט פאר פאטאצקי דעם ענין פון הקב"ה גוזר וצדיק מבטל, אז דער אויבערשטער רעכנט זיך מיט די תפלות און בקשות פון צדיק און פיהל מאל באשטימט דער אויבערשטער א שלעכטע גזירה פאר דער וועלט און דורך דער תפילה פון צדיק ווערט דאס פארוואנדלט צום גוטן.

פאטאצקי האט געקושט דעם שמש די האנט און אים געדאנקט פאר די שיינע דערקלערונגען.

ער איז נאכהער ארויס און געזאגט צו זארודני: ווייזט אויס אז דא איז דער אמת. דא רעדט מען וועגן ריינע וויסן און וועגן ריינע מעשים. איך מיין אז דא איז דער אמת!

פאטאצקי און זארודני האבן באשלאסן, אז זיי וועלן זיך באקענען מער מיט די אידן און מיטן אידישן לעבן.

די אינגלאך האבן ארומשפאצירט אין געטא און גערעדט מיט פארשידענע מענטשן.

איינמאל, ווען זיי זענען געגאנגען אין געטא, האבן זיי דערהערט עפעס א יונגע־קינדערישע שטים. זיי זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער שטים און אנגעקומען צו א גרויסע הויז — דאס איז געווען א בית מדרש. זיי זענען אריין אין בית מדרש און געזען, ווי איינער לערנט מיט אינגלאך.

דער מלמד האט אויפגעהערט צו לערנען מיט די קינדער ווען די 2 אינגלאך זענען אריין אין בית מדרש. די אינגלאך האבן זיך אנטשולדיגט פאר דעם מלמד, פארוואס זיי רייסן אים איבער דאס לערנען און זיי האבן אים געפרעגט:

— וואס לערנסטו מיט די קינדער?

איך לערן זיי תורה.

פאטאצקי: און אז די קינדער וועלן ווערן גרויס, וואס וועלן זיי קענען?

דער מלמד: זיי וועלן קענען תורה.

פאטאצקי האט געמיינט אז דער מלמד פארשטייט ניט זיין פראגע, זאגט ער צו דעם מלמד: איך האב געלערנט אין דער קאטוילישער אקאדעמיע. ווען איך וואלט די אקאדעמיע געענדיגט, וואלט איך געווארן א גלח. איך האב חברים אין ווילנע וואס לערנען אין דער טעכנישער שולע. ווען זיי וועלן ענדיגן, וועלן זיי ווערן אינזינערן און טעכניקער. אט די אינגלאך, וואס דו לערנסט זיי תורה, וואס

וועלן זיי קענען ווען זיי וועלן ווערן גרויס־?

ענטפערט דער מלמד: איך האב גלייך פארשטאנען דיין פראגע און איך האב דיר שוין געענטפערט. מיר לערנען די קינדער, זיי זאלן זיין געגרייט צום לעבן. מיר לערנען זיי ניט קיין פאך. מיר לערנען זיי תורה נאר צוליב דעם, זיי זאלן קענען תורה.

פרעגט פאטאצקי: אויב די קינדער וועלן ניט האבן קיין פאך אין לעבן, צו וואס דארפסטו זיי לערנען תורה און צו וואס דארפן זיי קענען תורה?

ענטפערט דער מלמד: עס איז פאראן אין אונזער תורה א מצוה: והגית בו יומם ולילה — דו דארפסט ריידן און טראכטן וועגן תורה ביי טאג און ביי דער נאכט. פאראן תלמידי חכמים, וואס פירן אויס די מצוה בוכשטעבליך, זיי טוען קיין זאך ניט. זיי פארנעמען זיך נאר מיט תורה. פשוט'ע מענטשן זענען פארנומען מיט מלאכה און מיט געשעפט, זיי לערנען נאר אביסל אין דער פרי און אביסל ביי נאכט. פאראן מענטשן וואס האבן די גאנצע וואך קיין צייט ניט, לערנען זיי תורה נאר שבת און יום טוב. די וואס קענען אליין ניט לערנען — זיצן ביי א טיש און הערן ווי עס לערנט פאר זיי פאהר א איד א למדן.

אויב מיר וועלן אבער די קינדער ניט לערנען קיין תורה ווען זיי זענען יונג, וועלן ביי אונז ניט זיין קיינע רבנים און תלמידי חכמים; וועלן ניט זיין קיינע אידן וואס לערנען תורה; וועלן ניט זיין קיינע אידן וואס זאלן פארלערנען פאר אנדערע און וועלן ניט זיין וואס וועלן זיי פארשטיין.

פאטאצקי האט א פארוואונדערטער געפרעגט דעם מלמד: — הייסט דאס, אז איר לערנט זיי גאנצע טעג, כדי זיי זאלן קענען מקיים זיין א מצוה פון ג־ט!

— געוויס נאר צוליב דעם! — האט געענטפערט דער מלמד.

די אינגלאך האבן געדאנקט דעם מלמד און ארויס פון בית מדרש. זיי האבן גערעדט איינער צום צווייטן מיט גרויס וואונדער: זע וואס פאר א גייסטיג פאלק דאס איז, מען טראכט ניט וועגן א צוקונפט פאר די קינדער, מען טראכט ניט וועגן צוגרייטן די קינדער צו א פרנסה אין לעבן. מען טראכט וועגן איין זאך — די קינדער זאלן קענען דערפילן זייער פליכט פאר ג־ט.

(ביז אהער איז די ערצעהלונג פון פאטאצקי צוזאמען מיט זארודני. פון דא און ווייטער ווייסן מיר נישט וואס איז געשעהן מיט זארודני).

פאטאצקי איז געקומען צום רב פון אמסטערדאם און געזאגט: איך בין געקומען צו דער איבערציייגונג, אז דער יידישער ג־ט איז דער אמת'ער ג־ט. איך בעט דיר מאך מיר פאר א איד.

האט אים דער רב געענטפערט: ווען ס'קומט צו אונז נישט א איד און וויל

ווערן א איד, שטעלן מיר אים פארשידענע פראגן, מיר דערציילן אים וועגן אונזער גרויסער תורה און וועגן אירע מצות. מיר דערציילן אים וועגן די גרויסע שוועריקייטן וואס אונזער פאלק מאכט דורך אין פארשידענע צייטן, כדי זיך צואיבערצייגן, צי מיינט ער דאס טאקע מיט דער פולער ערנסטקייט, ווייל מיר ווייסן פון דער געשיכטע אז א סאך ניט אידן, וואס זענען געווארן אידן, מיט דער ניט פולער ערנסטקייט, האבן שפעטער באדויערט זייער שריט און צו מאל זיך פארוואנדלט פאר א דארן פאר אונזער פאלק.

דיר דארף מען קיינע פראגן ניט פרעגן און קיינע זאכן ניט דערציילן. ווייל איך קען דיר שוין און איך ווייס אז דו מיינסט דאס ערנסט. וואס זאל איך אבער טאן אז ס'איז פארבאטן פון דער רעגירונג צו מאכן א ניט־איד פאר א איד?! אויב איך זאל דיר מגייר זיין, וועל איך דארפן גיין אין תפיסה!

איך וויל דאך אבער ווערן א איד? — זאגט פאטאצקי מיט א צובראכן־שטים.

ענטפערט אים דער רב: ס'איז דא פאראן א שכניש לאנד, וואס דארט מעג מען מגייר זיין א ניט איד. אין א געוויסע שטאדט אין דעם לאנד איז פאראן א רב וואס איז געווען מיינער א חבר אין ישיבה, איך וועל דיר געבן א בריוו צו דעם רב, און אז דער רב וועט דערזען דעם בריוו, וועט ער דיר גלייך מגייר זיין.

דער רב האט איהם געגעבן א בריוו, און פאטאצקי איז געפארן אין יענעם לאנד. דארט האט מען פאטאצקין מגייר געווען.

עטליכע וואכן זענען אריבער. פאטאצקי האט זיך געפילט אין די כוחות, און איז געקומען צוריק קיין אמסטערדאם.

פאטאצקי האט נאך געהאט א ביסל געלט, האט ער געדונגען א מלמד און ער האט מיט אים אנגעהויבן לערנען. די פייהיגקייטן פון פאטאצקי זענען געווען זייער גרויס און זיין ווילן צו לערנען איז געווען אויסערגעוויינליך.

פאטאצקי האט פראגרעסירט אין תורה מיט א געוואלטיגן טעמפא און גאר גיך האט ער אנגעהויבן אליין פארשטיין א שטיקל גמרא.

גאנצע טעג פלעגט ער זיצן אין בית מדרש און לערנען. אין אוונט פלעגט ער זיך צו זעצן ביים טיש אין בית המדרש און צוהערן צו דער בלאט גמרא, וואס מען פלעגט פארלערנען.

שבת פלעגט ער פילן אין זיך א געוואלדיגע ליכטיגקייט און ווארימקייט און ער פלעגט שרייען צו זיך אליין אין דער פוילישער שפראך: צא טא זא שאבעס — וואס איז דאס פאר א שבת!

איינמאל, ווען ער האט געלערנט אין גמרא, אז בעפאר דער אויבערשטער

האט געגעבן די תורה צו די אידן, האט ער זיך געווענדעט צו פארשידענע פעלקער, זיי זאלן נעמען די תורה. אבער די פעלקער האבן זיך אנטזאגט פון דער תורה צוליב פארשידענע סיבות. איין פאלק האט געטענה׳עט אז אים געפעלט ניט דער לא תרצח, א צווייטע פאלק האט געטענה׳עט אז אים געפעלט ניט דער לא תנאף און אזוי ווייטער. האט פאטאצקי זיך געשטעלט די פראגע: וואס הייסט דאס דער רבונו של עולם האט זיך געווענדעט צו די פעלקער? העט ער דען גערעדט מיט אלע מענטשן פון די פעלקער? ער האט דאך גערעדט נאר מיט די מלאכים און שרים? אבער אין א פאלק זענען דאך פאראן מיליאנען פון מענטשן, איז דען ניט געווען אין יעדן פון די פעלקער מענטשן וואס וואלטן גערן גענומען די תורה טאקע פאר דעם לא תרצח און טאקע פאר דעם לא תנאף? פארוואס איז טאקע באשערט געווען פאר די גוטע מענטשן צו אפלעבן אן תורה און אן מצות?!

פאטאצקי האט זיך אליין געגעבן דעם ענטפער: ווייזט אויס אז די נשמות קומען אראפ נאך אמאל אויף דער וועלט, זענען זיך מגייר, כדי נאך צו האבן דעם געשמאק פון תורה.

פאטאצקי איז געזעסן אין בית מדרש פון אמסטערדאם און געלערנט. איינמאל אין מיטן לערנען איז אים געקומען א געדאנק אין קאפ: וואס בין איך אזוי פריילעך? וואס בין איך אזוי צופרידן וואס איך בין געקומען צו דעם אמת? איך בין דאך א פאליאק און געלאזט דארט אין לאנד פוילן צענדליגער מיליאנען פאליאקן.

די אלע פאליאקן לעבן דאך אין דער פינסטער. זיי עסן און טרינקן און ווייסן ניט פון דעם אמת. איך דארף פארן קיין פוילן, פארבינדן זיך מיט פיינע פאליאקן און זיי אויך ווייזן דעם אמת און זיי אויך ברייגגען צום אמת!

פאטאצקי האט געמאכט פאפירן אויף אן אנדער נאמען און איז אוועקגעפארן קיין פוילן.

אין דער שטאט ווילנע האט ער מורא געהאט אריינצוקומען. כאטש זיין פנים האט זיך א סאך געביטן — ער איז געווען באוואקסן מיט א באָרד און פאות, דאך האט ער ניט געוואלט קומען דארט, וואו ס׳געפינען זיך זיינע עלטערן און אלע זיינע חברים.

ער איז אריינגעפאהרן אין דער שטעטעלע איליע, וואס איז ניט ווייט פון ווילנע און זיך געזעצט אין בית מדרש און געלערנט.

דער רב פון איליע האט ער דערציילט, ווער ער איז. דער רב האט דאס אויך דערציילט פאר די בעלי בתים פון איליע. דאס לעבן פון די אידן איז אבער דאן געווען אזוי אפגעטיילט פון דעם לעבן פון די ניט־אידן, אז די ניט־אידן האבן פון דעם גארניט געוואוסט.

קיין געלט האט שוין פאטאצקי נישט געהאט. די אידן פון איליע האבן אים געשעטיצט און ס׳איז געווען א גליק ביי א פרוי פון איליע, אז זי האט זוכה געווען צו קאכן איין מאל מיטאג פאר דעם גר.

פאטאצקי איז געזעסן אין בית מדרש און געלערנט און האט אלץ געטראכט, צו וועמען פון די פאליאקן ער זאל זיך דאס ערשטע פארטרויען?

אין בית מדרש וואו פאטאצקי האט געלערנט זענען אריינגעקומען יינגלאך און געשטיפט. זיי האבן זיך געשלאגן און האבן געווארפן מיט די שטענדערס, און זיי האבן פאטאצקין געשטערט אין לערנען.

פאטאצקי האט זיך געבעטן ביי די יינגלאך, זיי זאלן ארויסגיין אויפן גאס. ביי אלע אינגלאך האט זיך פאטאצקי איינגעבעטן, איין אינגל אבער האט זיך דוקא איינגעע׳עקשנ׳ט און ניט געוואלט ארויסגיין, ער האט געקלאפט מיט די שטענדערס נאך שטארקער ווי פריער.

פאטאצקי האט אנגענומען דעם אינגל, אים ארויסגעפירט אויף יענער זייט פון טיר און האט פארמאכט די טיר און איהר פארשלאסן.

דער אינגל איז אוועקגעלאפן אהיים מיט א געוויין: דער איד וואס אין בית מדרש האט מיר שיעור דערהרג׳עט.

די עלטערן פון דעם אינגל זענען געווען זייער פשוטע מענטשן און זענען געקומען צום בית מדרש מיט א געשריי: גוי איינער וואס האסטו געשלאגן אונזער קינד?!

ס׳איז געווען פארנאכט און אידן האבן זיך שוין אנגעהויבן קלייבן אין בית מדרש צו מנחה. דאס געשריי פון אינגל׳ס עלטערן האט אויפגעוועקט די פראגע און אידן האבן געמאכט א שמועס אויף דער גאס טאקע וועגן דעם גר.

אין שטעטל איליע איז געווען א גוי וואס האט פארשטאנען אביסל אידיש. ער איז דורכגעגאנגען אין גאס און דער גוי האט אויפגעכאפט פון זיי עטליכע ווערטער פון וועלכע ער האט פארשטאנען, אז דער איד וואס זיצט אין בית מדרש איז דער פארפאלענער זון פון פאטאצקי׳ס — — —

ער איז געקומען אהיים מיט גרויס שמחה. ער האט פאר די פאטאצקי׳ס א גרויסן סוד. דער זון וואס זיי האבן שוין לאנג באקלאגט און באוויינט איז דער איד, וואס זיצט אין איליע אין בית מדרש. זיי דארפן מארגן אויפשטיין פרי און פאהרן אין ווילנע און דערציילן פאר די פאטאצקי׳ס דעם גרויסן סוד.

צו מארגן פרי איז דער גוי מיט זיין פרוי אוועקגעפארן אין שטאט, געקומען צו דער פאלאץ פון די פאטאצקי׳ס און געזאגט אז זיי האבן א סוד, וואס זיי קענען דערציילן נאר פאר די פאטאצקי׳ס אליין.

דער גוי מיט זיין פרוי זענען אריין אין פאלאץ און דערציילט פאר גראף פאטאצקי און זיין פרוי, אז דער זון וועלכן זיי האבן אזוי פיל געזוכט און זיי האבן באקלאגט און באוויינט — לעבט, ער איז געווארן א איד און זיצט ביי זיי אין איליע און בית מדרש און לעבט פון אידישע נדבות.

דער גראף פאטאצקי איז געווען א מילדער מענטש. אבער זיין פרוי איז געווען א שארפע, זי האט גלייך געשיקט סאלדאטן, זיי זאלן גיין אין איליע אין בית מדרש און נעמען דעם זון און ברענגען צו איר.

די סאלדאטן האבן געבראכט דעם זון און אוועקגעשטעלט פאר דער מאמע.

ווען די מאמע, האט דערזעהן דעם זון האט זי גענומען וויינען און שרייען:

מיר האבן דיר אזוי געזוכט! אזוי פיל געלט פארשוועדעט דיר צו געפינען און דו לעבסט און האסט אפילו אונז ניט געלאזט וויסן! גיב נאר א קוק וואס פאר א פנים דו האסט, דו זעסט דאך אויס ווי א משוגע'נער! גיי שער זיך ארום און ווער א מענטש, ווי מען דארף.

פאטאצקי האט געענטפערט דעם מאמען: א משוגע'נער בין איך געווען דאן, ווען איך בין געווען א קאטאליק. היינט בין איך קלאר. היינט בין איך א איד. היינט ווייס איך פון דעם אמת'ן ג־ט און דעם אמת'ן פאלק.

די מאמע האט גענומען ריידן צום זון: קינד מיינס, אויב דו ווערסט א מענטש אויב דו קומסט אהיים, ביזטו דאך איינער פון די רייכסטע מענטשן אויף דער וועלט. דו ביזט דאך אונזער איינציג קינד און אונזער גאנצער פארמעגן וועט בלייבן פאר דיר. אויב אבער דו בלייבסט א איד, בלייבסטו אן אייביגער ארימאן, אלעמאל וועסטו לעבן פון אידישע נדבות.

האט איהר דער זון געענטפערט: מאמע, פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט אפצוגען אלע געלט און גאלד פון דער וועלט!

די מאמע האט ווייטער גערעדט: קינד מיינס, אויב דו ווערסט א מענטש, אויב דו קומסט אהיים, האסטו דאך אזא גרויסע בארימטע פאמיליע, אזעלכע בארימטע טאטע מאמע. טאמער בלייבסטו א איד ביזטו אן עלנטער מענטש אלע טעג פון דיין לעבן!

ענטפערט דער זון: מאמע, פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט אפצוגעבן מיין גאנצע משפחה אפילו מיינע אייגענע טאטע און מאמע!

די מוטער האט געזען, אז מיט גוטע רייד קען זי אים ניט באווירקן, האט זי געביטן איר טאן. זי האט א קלאפ געטאן אין טיש און געזאגט: איך זע אז מיט גוטן קען איך דיר ניט מאכן פאר א מענטש. איך וועל הייסן דיר ארייננזעצן אין תפיסה, דארט וועסטו ווערן א מענטש!

מאמע, — ענטפערט דער זון — פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט אפצוגעבן מיין פרייהייט.

די מוטער האט געהייסן אריינזעצן דעם זון אין תפיסה און געשטעלט נעבן דער תפיסה וואך־מענער, פסיכאלאגן, זיי זאלן אבסערווירן דעם זון און זען, וואס אין אים קומט פאר.

עטליכע וואכן זענען אריבער און די וואכמענער האבן איבערגעגעבן דער מוטער, אז גארניט האט זיך אין דעם זון געביטן; גאנצע טעג זאגט ער יידישע תפלות און ווען זיי ריידען מיט איהם איז ער אזוי פארעקשנט ווי ער איז געווען.

די מוטער האט געבעטן ברענגען דעם זון צו איר. ווען מען האט דעם זון געבראכט האט זי צו אים געזאגט: איך זע אז דאס האט דיר אויך ניט געהאלפן. איך וועל דיר אריינזעצן אין א פינסטערע תפיסה, וואס די שטראלן פון דער זון וועלן אפילו צו דיר ניט צוקומען.

האט איהר דעם זון געענטפערט: מאמע, פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט אפצוגעבן אפילו די לעצטע זונען שטראלן!

מען האט דעם זון אריינגעזעצט אין א פינסטערע תפיסה, וואו ס׳זענען ניט אריינגעקומען אפילו קיינע זון שטראלן. דארט איז נאר געווען א לאך, וואס דורך דעם האט מען אים דערלאנגט עסן. די מוטער האט דארט געשטעלט וואכמענער, פסיכאלאגן, אזוי ווי אין דער פריערדיגע תפיסה.

עטליכע וואכן זענען אריבער און די וואכמענער האבן געלאזט וויסן דער מוטר, אז גארניט האט זיך אין אים געביטן און איז דער זעלבער ווי פריער.

די מוטער האט געהייסן ברייננען דעם זון צו איר און האט צו אים געזאגט:

איך זע אז דאס האט דיר אויך ניט געהאלפן. איך וועל הייסן דיר אריינזעצן אין א גרוב, וואו ווערים וועלן דיר עסן.

האט פאטאצקי געענטפערט: מאמע, פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט איבער צו טראגן אויף זיך די גרעסטע יסורים פון דער וועלט!

מען האט אריינגעזעצט פאטאצקי אין א גרוב וואו די ווערים האבן אים געביסן.

— עסט ווערים, עסט, נאכדעם וואס איך האב זיך אנגעגעסן א סאך מיט טריפות, — נעמט אויף זיך פאטאצקי די יסורים מיט ליבשאפט.

אנדערהאלבן טעג זענען אריבער און די וואכמענער האבן געזאגט צו די מאמע אז גארניט האט זיך אין אים געביטן, און זי דארף באלד באשליסן, וואס ווייטער צו טאן, ווייל אויב ער וועט דארט זיין נאך א טאג וועט ער שטארבן אויפן ארט.

די מאמע האט אים ווידער געהייסן ברייגען צו איר. איך זע — זאגט זי איהם — אז דאס אלעס האט דיר ניט געהאלפן. איך וועל ארייגעבן די זאך אין געריכט און מען וועט דיר פארמשפט'ן צו פארברענען.

— מאמע, פאר ג־ט און פאר דעם אמת בין איך גרייט אפצוגעבן אפילו מיין לעבן! — האט ער געענטפערט מיט שטאלץ.

די מוטער האט געהאפט, אז אפשר וועט דער טויט־אורטייל באווירקן דעם זון, ער זאך זיך צוריקקערן, אדער אפשר וועט דער פייער פון דער עקזעקוציע, ווירקן אויף אים, ער זאל זיך צוריקקערן.

מען האט ארייגעזעצט פאטאצקי אין א געווייגליכער תפיסה און די זאך איז געגאנגען אין געריכט. ס'איז אנגעקומען דער טאג פון משפט און מען האט דעם זון פאטאצקי פאראורטיילט צום טויט דורך פארברענען!

דער טאג פון פארברענען האט געדארפט זיין דער ערשטער טאג שבועות, און דער ארט האט געדארפט זיין אויפן ראטוש־פלאץ, דאס הייסט אויפן פלאץ פון שטאט ראט.

די מוטער האט צוגעגרייט א שליח מיט א בריוו, אז מען זאל דעם זון לאזן גיין. דער שליח האט דעם בריוו געדארפט איבערגעבן 15 מינוט פארן פארברענען. א פריינד פון דעם שליח האט זיך אבער דערוואוסט וועגן די שליחות און וועגן דעם בריוו, און זיי האבן דעם שליח פארפירט און פאר'שיכור'ט, און ווען דער שליח איז געקומען מיט דעם בריוו צו דעם ארט פון דער עקזעקוציע, איז שוין פאטאצקי געווען פארברענט. — — —

בעפאר מען האט דעם יונגן פאטאצקי פארברענט, האט דער עגזעקיוטאר צו אים געזאגט: איך פארשטיי אז אויף יענער וועלט וועסטו פון מיר נעמען נקמה פארוואס איך האב דיר פארברענט. האט איהם פאטאצקי געענטפערט:

ווען איך בין געווען א קליין יינגל, האב איך ליב געהאט צו מאכן פארשידענע פיגורן און איך האב אין דעם געהאט א געשמאק. ס'איז געווען אמאל און מען האט געבויט א הויז אין אונזער הויף און ווען מען בויט א הויז זענען דאך פאראן פארשידענע מאטעריאלן — האלץ, ציגל, ליים א.ד.ג. איך פלעג מאכן פון ליים אן עכטן מענטשעלע מיט הענטעלאך, פיסעלאך, און אלץ וואס מען דארף. ביי מיין פאטער איז געווען א באדינער און דער באדינער האט געהאט א זון אין מיין עלטער. דער יינגעלע פון באדינער האט ניט געהאט קיין געפיל אין מאכן פיגורן. זיין איינציגער שטיף איז געווען ווארפן שטיינער און צוברעכן אלץ וואס ער האט געקענט. איך פלעג אפארבעטן א האלבן טאג, מאכן א מענטשעלע און ער פלעגט א ווארף טאן א שטיין און דעם מענטשעלע צוברעכן. איך פלעג לויפן צו מיין פאטער וויינען, פארוואס דער יינגל האט צובראכן מיין מענטשעלע.

איך בין געווען זיכער אז מיין פאטער וועט דעם אינגעלע שיסן. ער האט דאך א ביקס מיט א רעוואלווער. איך פלעג וויינען און מיין פאטער פלעגט אבער לאכן.

איך האב ביי מיר געטראכט: ווען איך וועל ווערן גרויס, ווען איך וועל האבן א רעוואלווער וועל איך שיסן דעם ייִנגל פון באדינער.

דער סוף איז געווען, ווען איך בין געווארן גרויס, האב איך אליין אויך אנגעהויבן לאכן פון די מענטשעלאך וואס זענען געמאכט פון ליים.

וואס מיינסטו, א מענטש איז נאר דער גוף? א מענטש איז א גוף מיט א נשמה און דער עיקר פון דעם מענטש איז די נשמה! דער גוף איז נאר א מענטשעלע געמאכט פון ליים. וואס גייסטו מיר פארברענען די נשמה? די נשמה מיינע ווערסטו ניט פארברענען, דו וועסט פארברענען נאר מיין גוף!

ווען איך בין געווען א קאטאליק, בין איך געווען א קינד — דער גוף איז ביי מיר געווען דער עיקר. היינט בין איך א איד, היינט בין איך גרויס. איך לאך פון די מענטשעלעך, וואס זענען געמאכט פון ליים.

* * *

דער פחד ביי די אידן אין ווילנע איז דאן געווען זייער גרויס. אין אלע אידישע הייזער זענען געווען פארשפארט די פענסטער און די טירן. מען האט מורא געהאט פאר פאגראמען, ווייל דער כעס פון די גויים איז געווען אויסערגעוויינליך — עפעס א קלייניגקייט! דאס איינציגע קינד פון דעם גרויסן גראף פאטאצקי האט אוועקגעווארפן די קאטוילישע אמונה און אפגעגעבן זיין לעבן פאר דעם אידישן ג־ט!

עטליכע שעה נאכן פארברענען איז א אידישע פרוי געגאנגען אין דער גרעסטער סכנה און צוזאמגענומען דאס אש.

דאס אש איז באגראבן געווארן אויפן ווילנער בית הקברות און אויפן קבר איז אויסגעוואקסן א בוים. דער בוים האט געהאט די פארעם פון א מענטש — הענט, פיס א.א.וו. דער בוים איז געשטאנען נאר ביז די קני, און פון דארט האט זיך דער בוים איבערגעבויגן און באדעקט דעם קבר.

די דייטשן האבן אין דער ערשטער וועלט מלחמה אפגעשניטן דעם אויבערשטן טייל פון בוים. — — —

א שרעקליכע מעשה וואס האט פאסירט אין רוסלאנד

די מעשה וואס איך געה אייך דערצעהלן האב איך געהערט פון ר׳ יצחק׳ן. ר׳ יצחק איז געווען א איד א מיטל יעריגער. מיט ברייטע פלייצעס. זעהר א פריינדליכער מענטש — פריינדליך צו אלט און צו יונג. פאר יעדן האט ער געהאט צוגעגרייט דעם פריינדליכן שמייכל און ביי יעדן באגעגעניש מיט אן עלטערן אידן האט ער נישט פארגעסן צו ארייגלייגן זיין רעכטע האנט אין קעשענע און ארויסנעמען די טאבאק פושקעלע און מכבד זיין מיט א גוטן שמעק טאבאק.

אין שטיבל פון די סלאנימער חסידים איז ר׳ יצחק געווען פון די זינגער. ער פלעגט ליב האבן אנהויבן א ניגון פון די מיליטערישע מארשן. זעהר אפט פלעגט ער אנהויבן זינגען דעם „קעניגסבורגער מארש״ — דאס איז דער מארש, וואס די רוסישע ארמיי האט געשפילט, ווען זי איז אריין אין דער דייטשער שטאט, קעניגסבערג. אין שטיבל האט מען אים גערופן „איטשע גאניצער״.

זיין פרנסה איז געווען: בוכהאלטער ביי די בעלי עגלות. די בעלי עגלות אין באראנאוויטש זענען געווען געטיילט אין 2 סארטן. געווען בעלי עגלות וואס האבן געהאט א שיינע קארעטקע איינגעשפאנט אין פערד. זיי פלעגן פירן מענטשן צום באן הויף. און געווען א צווייטער סארט בעלי עגלות, וואס זענען געפארן מיט גרויסע לאנגע וועגענער. זיי האבן געפירט משא. מען האט זיי גערופן די „וואזאקעס״. איטשע גאניצער איז געווען בוכהאלטער ביי די וואזאקעס. די זענען געווען א היבשע צאל מענטשן. זיי האבן געהאט א ארגאנאזירטן פאראיין, ווייל די באן־סטאנציע פון באראנאוויטש איז געווען א צענטראלע, פון דארט פלעגן דורכגיין משאות נישט נאר פאר דער שטאט באראנאוויץ נאר אויך פאר פיל שטעטלאך אין אומגעגנט.

און ווייל די באן סטאנציע פון די משאות איז געווען נישט ווייט פון שטיבל פלעגט איטשע גאניצער זייער אפט זיצן אין שטיבל און זיך דארט טרעפן מיט די בעלי עגלה. זעהר אפט פלעגט אריינקומען אין שטיבל א בעל עגלה מיט זיינע שווערע טריט און פלעגט פרעגן מיט א הילכיגע שטים „איז נישטא ר׳ יצחק?״

איטשע גאניצער איז אבער געווען נישט נאר דער בוכהאלטער ביי די בעלי עגלות נאר אויך זייער רבי און בעל יועץ. מיט זיינעם א ווארט האבן די בעלי עגלות זיך גערעכנט און ער פלעגט שלום מאכן אין א סאך פון זייערע קאנפליקטן.

און זיינע ווערטער פלעגן א סאך מאל פארהיטן פון געשלעגן צווישן די בעלי עגלות.

* * *

ביי אונז אינגלאך האט איטשע גאניצער באקומען די גרעסטע אויטאריטאט נאך דער מעשה מיטן פאטש. — ער האט געגעבן א פאטש א בעל עגלה ווייל פון זיין מויל האט זיך ארויסגעגליטשט אן אפיקורסות ווארט.

אין דער פרי צו שחרית און די זומער טעג, פארנאכט צו מנחה און מעריב איז מען געגאנגען דאווענען אין שטיבל, כאטש די שטיבל פון הויז איז געווען גאנץ ווייט און כאטש אויף דעם וועג איז מען דורכגעגאנגען א צוויי־דריי אנדערע בתי מדרשים.

ס׳פלעגט זיך מאכן, אז עטלעכע יינגלאך פלעגן זיך צוזאמענקומען און איטשע גאניצער איז געווען אין שטיבל און ער איז געווען פריי פון די ענינים פון די בעלי עגלות, פלעגט ער אונז דערציילן א מעשה.

* * *

ער פלעגט דערציילן זייער געשמאק. די מעשה פון קידוש השם, וואס איך גיב דא דערצעהלן, איז פון די מעשיות וואס איך האב געהערט פון איטשע גאניצער הי״ד.

* * *

געווען איינער פון די רוסישע קיסרים, וואס האט ליב געהאט זיך אנצוטאן אין ציווילע קליידונג, פארשטעלן זיך, אז קיינער זאך אים נישט דערקענען געהן אין די גאסן, רעדן מיט פארשידענע מענטשן, כדי זיך צו דערוויסן, ווי די מענטשן האלטן פון דעם קיסר און פון זיין רעגירונג.*)

אין רוסלאנד פלעגט מען דערציילן פארשידענע וויצן פון די געשפרעכן פון קיסר.
איינער פון די פארשפרייטסטע וויצן זענען געווען. —
דער קיסר האט איינמאל געשפאצירט א פארקליידעטער אויף די גאסן פון דער הויפט שטאט פעטערבורג. שפאצירנדיג האט ער געזען א מענטש, וואס די האר פון קאפ זענען ביי איהם געווען ווייס און די האר פון בארד שווארץ. דער קיסר האט אפגעשטעלט דעם מענטש און צו איהם געזאגט: זיי מיר מוחל איך וויל דיר עפעס פרעגן א פראגע. דיין קאפ און דיין בארד געהערן דאך צו איין מענטש פארוואס איז די האר פון קאפ שוין ווייס און די האר פון בארד זענען נאך שווארץ?
דער מענטש האט דעם קיסר געענטפערט: די האר פון קאפ זענען דאך מיט א 17 יאר עלטער ווי די האר פון בארד, דעריבער זענען זיי שוין ווייס. „דו ביזט גערעכט" האט צו אים געזאגט דער קיסר.
דער קיסר האט ווייטער שפארצירט און ער האט געטראפן א מענטשן, וואס די האר פון בארד זענען ביי אים געווען ווייס און די האר פון קאפ שווארץ.
דער קיסר האט אפגעשטעלט דעם מענטש און צו אים געזאגט:
זאג מיר די האר פון קאפ זענען דאך מיט א 17 יאר עלטער ווי די האר פון בארד טא פארוואס זענען די האר פון בארד שוין ווייס און די האר פון קאפ נאך שווארץ?

ס'איז געשען איינמאל, דער קיסר איז געקומען א פארקליידעטער אין א גרויסע קאזארמע. אין א קאזארמע וואס עס געפינען זיך אין איר טויזנטער זעלנער און געווען איז דאס ביי א 10 אזייגער אין דער פרי. די מיליטערישע איבונגען פון די זעלנער פלעגן זיך אנהויבן געוויינליך 7 אין דערפרי און דער קיסר האט געטראפן אין קאזארמע א פולע אונארדנונג.

דער קיסר האט געפרעגט איינעם פון די זעלנער: פארוואס זעהט מען נישט קיינעם פון די עלטערע? ס'איז נעכטן געווען ביי זיי א פארוויילונג האבן זיי געטרונקען ביז שפעט אין דער נאכט, ליגן זיי נאך און שלאפן.

אזא זאך אין דער ארמיי איז א גרויס פארברעכן אבער צו ווענען צו ריידן איז נישט געווען. זעלנער זענען פריי ווען קיינער פון די עלטערע איז נישטא.

דער קיסר האט צו גערופן איינעם פון די זעלנער און ער האט צו אים געזאגט: איך בין דער קיסר.

ווען דער זעלנער האט דאס דערהערט האט ער עס געמאלדן אלע זעלנער און די זעלנער האבן זיך גלייך פארטיג געמאכט. זיי האבן זיך אלע אנגעטאן ווי געהעריג און געקומען אויפן גרויסן פלאץ וואס דארטן פלעגן פארקומען זייערע איבונגען.

אלע זעלנער זענען געשטאנען און געקוקט אויפן קיסר און דער קיסר האט געקוקט אויף זיי. ס'איז געווען א שטארקע שטילקייט. ס'איז אבער נישט געווען ווער ס'זאל געבן באפעלן צו די זעלנער, ווער ס'זאל די זעלנער עפעס טאן.

דער קיסר האט זיך אנגערופן און געזאגט: אפשר איז פאראן צווישן די זעלנער איינער וואס וואלט זיך אונטערגענומען צו מאכן איבונגען מיט די זעלנער אזוי ווי א אונטער אפיציר.

איינער פון די זעלנער האט זיך געשטעלט פארן קיסר און גראטולירט איהם און געזאגט: גרויסער קיסר גיב מיר די ערלויבניש איך וויל פרובירן.

דער קיסר האט געגעבן דעם זעלנער די ערלויבעניש.

דער זעלנער האט ארויסגערופן הונדערט זעלנער און געמאכט מיט זיי די איבונגען. ער האט דאס דורכגעפירט זעהר גוט און דער קיסר האט זיך געוואונדערט, ווייל א מענטש אהן מיליטערישע שולע און אהן דערפארונג און האט דורכגעפירט אזא שיינע ארבעט. דער קיסר האט אויסגעשריגן: איך גיב דיר דעם אמט פון אונטעראפיציר.

דער מענטש האט דעם קיסר געענטפערט:

— דו האר פון קאפ זענען עלטער האבן זיי נאך געזעהן אמאהל אין די יוגנט א גוטע מינוט אויך. די האר פון בארד זענען דאך יינגער זיי האבן נאך אפילו קיין איין גוטע מינוט נישט געזען.

דערנאך האט דער קיסר געזאגט: אפשר וועט זיך געפינען א זעלנער וואס וועט אויספילן די ראל פון אפיציר און ווידער האט זיך געמאלדן דער זעלבער זעלנער און אויסגעפירט די פונקציעס פון אן אפיציר אויף א וואונדערבארן אופן און דער קיסר האט אים געגעבן דעם ראנג פון אפיציר.

דער קיסר האט ווידער געפרעגט וועגן די פונקציעס פון א קאפיטאן און נאך העכער און דער זעלבער זעלנער האט דאס אלעס באוויזן.

דער קיסר איז אריינגעפאלן אין גרויס פארוואונדערוג: א קאפיטאן זיצט יארן גאנצע אין דער מיליטערישער שולע און דערנאך דויערט נאך יארן ביז ער קומט צו דער מדרגה פון קאפיטאן און דא האט אן איינפאכער זעלנער אהן מיליטערישער שולע און מיליטערישער דערפארונג אויסגעפירט די פונקציעס פון א קאפיטאן אויף אזא וואונדערבארן אופן. און דער קיסר האט געשריגן:

— איך גיב דיר די ראל פון קאפיטאן!

דער קיסר האט נאך עטליכע מאל פארגעלייגט פארשידענע פונקציעס פון גרויס מיליטערישע פונקציאנערן ביז ס'איז געקומען צו דער דרגה פון גענעראל און דער זעלבער זעלנער איז יעדעס מאל ארויסגעקומען און אויסגעפירט אלע פונקציעס אויף א וואונדערבארן אופן.

צווישן די זעלנער האט געהערשט א געוואלדיגע אויפרעגונג. ערשטנס האט אין זיי געברענט די קנאה. אן איינפאכער זעלנער וואס מיט 2 שעה צוריק איז מיט זיי געלעגן אויף די זעלבע ברעטער, געגעסן מיט זיי די שווארצע ברויט און געטרונקען מיט זיי די שווארצע קאווע און אין 2 שעה זיך דערשלאגן צו אזעלכע גרויסע דרגות. חוץ דעם איז די שנאה צו אידן געווען אין דער ארמיי זייער גרויס.

ווען דער קיסר האט אויסגעשריגן: איך גיב דיר דעם ראנג פון גענעראל, האט זיך דערהערט א געשריי: עטא יעווריי — דאס איז דאך א איד.

ווען דער קיסר האט דערהערט אז דער זעלנער איז א איד איז ער געבליבן צוטומלט. די פארבן פון זיין פנים האבן זיך גענומען בייטן. פאר דער גאנצער ארמיי איז די צומישונג פון קיסר געווען קלאר.

לויט די געזעצן פון רוסלאנד האט א איד אפילו נישט געטארט זיין קיין אונטער אפיציר און דא האט דער קיסר געמאכט א אידן פאר א גענעראל. צונעמען ביי דעם איד צוריק דעם טיטול קען דער קיסר אויך נישט, ווייל ס'איז געווען די „טראדיציע" פון דער קעניגן משפחה אז א ווארט פון קיסר מוז אויסגעפירט ווערן און דער קיסר האט געזאגט זיין ווארט אין די אויערן פון טויזנטער זעלנער *)

איך וויל דערציילן צוויי ביישפילן פון דער דערמאנטער „טראדיציע":

דער קיסר איז געשטאנען עטליכע מינוט א צומישטער. נאך עטליכע מינוט האט זיך דער קיסר בארוהיגט. ער האט איינגעלאדן דעם אידישן זעלנער צו זיך און איהם געזאגט, איך האב דיר געגעבן דעם ראנג פון גענעראל און איך בין זעהר צופרידן. ווייל איך ווייס, אז דו וועסט אונז געבן די בעסטע דינסט. צו זיין א גענעראל דארף מען זיין יאהרן אין דער מיליטערישער אקאדעמיע און דערנאך דארף מען האבן א סך מיליטערישע פראקטיק. דו ביזט אין מיליטערישער אקאדעמיע נישט געווען און קיין מיליטערישע פראקטיק האסטו נישט געהאט און דו האסט אויסגעפילט די פונקציעס פון א גענעראל אויף אן אויסגעצייכנטן אופן איך בין זעהר צופרידן, ווייל איך ווייס אז דו וועסט זיין איינער פון די בעסטע גענעראלן אבער איין קליינע בקשה האב איך צו דיר. דו ווייסט דאך, אז אין גאנץ רוסלאנד איז נישטא קיין איין גענעראל א איד, ס'איז אפילו נישטא קיין אפיציר א איד. בעט איך דיר נעם אן דעם קריסטליכן גלויבן!

דער אידישער זעלנער האט געענטפערט דעם קיסר:

גרויסער קיסר איך קען דיין ביטע נישט דערפילן. איך בין געבוירן א איד און איך וויל שטארבן א איד.

דער קיסר האט אויפגעהויבן זיין קאפ און געזאגט: אין שפיץ פון דער ארמיי האב איך 4 גענעראלן, וואס זיי זענען די הויפטס פון דער גאנצער ארמיי. אויב דו וועסט אננעמען אונזער אמונה וועל איך דיר שיקן אין דער מיליטערישער אקאדעמיע און דו וועסט ווערן איינער פון די 4 גרויסע גענעראלן.

אונזער שטאדט בארנאוויץ; וואס איז געווען באקאנט אין גאנץ פוילן דורך אירע גרויסע 2 ישיבות און וואס האט זיך גערופן אין דער פוילישער סוחרישער וועלט „די צווייטע ווארשע" איז עטליכע יאר פאר דער ערשטער וועלט מלחמה גארנישט געווען קיין שטאט. ס'איז געווען נאר א צענטראלע באן סטאציע און דארט האבן געוואוינט נאר געציילטע מענטשן, זייער פרנסה איז געווען געבונדן מיט דער באן סטאציע.

ס'איז אבער געשען, אז דער קיסר האט געדארפט שיקן אין בארנאוויץ א טעלעגראמע און ווען ער האט געהייסן שיקן די טעלעגראמע איז ארויס פון זיין מויל א טעות און שטאט צו זאגן „אין דער סטאציע בארנאוויץ" האט ער געזאגט אין דער שטאט בארנאוויץ".

און ווייל א ווארט פון א קיסר מוז דערפילט ווערן האט מען געגעבן בארנאוויץ אלע רעכטן פון א שטאט ווי א האנדלס מארק און דאס גלייכן.

בארנאוויץ איז דורך דעם געווארן א צענטער פון פרנסה און מענטשן פון די צענדליגער שטעטלאך וואס ארום האבן אנגעהויבן אהין זיך צו איבער ציען און בארנאוויץ איז געווארן אין געציילטע יארן א שטאט פון 30 טויזנט מענטשן.

* * *

אז דער קיסר פלעגט קומען אין א שטאט פלעגט מען מאכן לכבודו א גאנצן פאראד. אמאל איז דער פאראד נישט געפעלן געווען דעם קיסר האט ער געזאגט דאס ווארט „סטרעליאט" ד.ה. שיסן (דער לעצטער קיסר פון רוסלאנד איז געווען באקאנט פאר א קליינעם חכם) און א ווארט פון קיסר מוז דאך דערפילט ווערן האבן די זעלנער אנגעשטעלט זייערע ביקסן געגן די פארזאמלטע מענטשן.

ס'איז דאן געשען א נס. צוזאמען מיטן קיסר איז געזעסן אין קארעטע דעם קיסר'ס קלוגער פעטער און דער פעטער האט צוגעלייגט דאס ווארט „וואדאיו" דאס הייסט מיט וואסער און דאס ווארט פון קיסר איז אויסגעפירט געווארן. מען האט געבראכט די פייערלעשער און זיי האבן געשפריצט אויף די מאסן.

דער אידישער זעלנער האט געענטפערט: גרויסער קיסר, איך טאר דאס נישט טאן. אפילו דו וועסט די קרוין פון דיין קאפ ארויפלייגן אויף מיין קאפ, קען איך נישט אוועקגעהן פון מיין ג־ט און פון מיין פאלק.

דער קיסר איז ווידער געבליבן אין א גרויסע פארלעגנהייט. ער האט געטראכט און געטראכט און צום סוף האט ער געזאגט צו דעם אידישן זעלנער:

איך געה דיר איצט זאגן עפעס און איך בעט דיר דו זאלסט פארשטיין אז דאס איז מיין לעצטע ווארט.

בלייבן א גענעראל אלס איד קענסטו נישט, ווייל לויט די געזעצן פון רוסלאנד קען א איד נישט זיין א גענעראל. צונעמען ביי דיר דעם ראנג פון גענעראל קען איך אויך נישט, ווייל לויט דער טראדיציע פון דער קעניגליכער משפחה טאר א קיסר זיין ווארט נישט בייטן.

איך זעה אבער דיינע פעהיקייטן און דיין פעסטן כאראקטער. איך בין זיכער אז דו וועסט פארשאפן גרויס כבוד דעם קעניגליכער משפחה און דער גרויסער רוסישער ארמיי.

איך האב א טאכטער וואס דארף חתונה האבן. אויב דו וועסט אננעמען אונזער אמונה וועל איך דיר געבן מיין טאכטער פאר א פרוי און דו וועסט ווערן דער הויפט פון דער גאנצער ארמיי. אויב אבער דו נעמסט נישט אן אונזער אמונה מוזטו שטארבן.

דער אידישער זעלנער האט פארשטאנען אז קיין אנדער אויסוועג איז פון דער לאגע נישטא. איהם איז חס ושלום נישט געקומען אפילו אויפן געדאנק צו בייטן די אמונה.

דער אידישער זעלנער האט אבער געוואוסט, אז אויב ער וועט זאגן דעם קיסר דעם אמת, אז ער טראכט אפילו נישט וועגן בייטן די אמונה, וועט דער קיסר הייסן עטליכע זעלנער, זיי זאלן איהם ארייגפירן צווישן די בוימער פון וואלד, שיסן און באגראבן, און פון דעם קידוש השם וועט אפילו קיין פויגל נישט וויסן. דער זעלנער האט געוואלט מאכן פון זיין טויט אן אפענעם קידוש השם, האט ער געזאגט צו דעם קיסר:

— גרויסער קיסר! וואס זאל איך טוהן? איך מוז אננעמען דיין פארשלאג! איך בין א יונגער מענטש, איך קען לעבן און איך וויל לעבן און באזונדערס אזא גליקליך לעבן. זיין דער איידעם פון דעם גרויסן קיסר פון רוסלאנד! זיין דער פירער פון דער גרויסער און מעכטיגער רוסישער ארמיי! אבער איין בקשה האב איך צו דיר, קיסר: אויב איך דארף ווערן דעם קיסר׳ס איידעם? אויב איך דארף ווערן דער הויפט פון דער גרויסער ארמיי וויל איך נישט אז מיין שמד

צערעמאניע זאל פארקומען ערגעץ אין דער שטיל, איך וויל ס׳זאל זיין מיט גרויס פאראד.

דער קיסר האט אויף דעם א געשריי געטאן: קינד מיינס איך האב גאר אנדערש נישט געטראכט. רוסלאנד האט נאך אזא פאראד נישט געזען!

אין די גרויסע רוסישע צייטונגען האבן זיך באוויזן ארטיקלען, אז דער קיסר איז געוועזן אין א קאזארמע און דארט איז געקומען א זעלנער א איד און ער האט געזאגט פארן קיסר אז ער וויל אריבערגיין צו דער קריסטליכער אמונה.

דער קיסר האט מיט דעם זעלנער געשמועסט און ער האט געזען, אז דער זעלנער איז א גרויסער געלערנטער און באזונדערס איז ער געלערנט אין דער מיליטערישער קונסט.

דער אידישער זעלנער האט געמאכט אויפן קיסר א טיפן איינדרוק און דער קיסר האט באשלאסן נעמען דעם זעלנער פאר זיינעם א אײדים און באשטימען אים פאר דעם פירער פון דער רוסישער ארמיי. עס איז אנגעגעבן געווארן א טאג און א שעה ווען ס׳וועט פארקומען דער שמד און די חתונה פון דעם זעלנער.

דער שמד און די חתונה האט געדארפט פארקומען אין א געוויסן זונטאג 12 אזייגער בייטאג אין דער הויפט שטאט פון רוסלאנד אין פעטערבורג (היינט לענינגראד). אויף דעם גרעסטן פלאץ וואס איז אין דער שטאט.

ווען עס האט נאר אויפגעשיינט דער טאג, האבן זיך אנגעהויבן צו זאמלען מענטשן אויף דעם פלאץ פון אלע זייטן. עס זענען באזעצט געווארן אלע דעכער און באלקאנען נאנט צו דעם פלאץ. א זייגער 10 האבן אנגעהויבן קומען אויף דעם פלאץ גרופעס פון דער קירך מיט זייערע צלמים, מיליטערישע ארקעסטערס מיט זייערע פירער.

אלעס איז געשטאנען און געווארט מיט נייגער און אונגעדולד אויף דעם „גרויסן" מאמענט.

* * *

א האלבע שעה פאר 12 האט זיך באוויזן אויפן בריק וואס איבער דער טייך נאנט צו דעם פלאץ א קארעטע איינגעשפאנט אין 4 פערד. די קארעטע איז געוועזן באדעקט מיט גאלד און די פערד זענען געוועזן באדעקט מיט גאלד פון קאפ ביז די פיס.

אין קארעטע איז געזעסן דער קיסר און זיין פרוי די קיסערין און צווישן זיי איז געזעסן דער אידישער זעלנער — זייער „צוקונפטיגער איידים".

די פערד זענען געגאנגען אזוי פאמעלעך, אז מען האט קוים געזען אז זיי באוועגן זיך.

ווען די קארעטע האט זיך באוויזן, האבן די פירער פון קירך געגעבן א צייכן און די צלמים זענען אויפגעהויבן געווארן אין דער הויך. די פירער פון דער ארמיי האבן געגעבן א צייכן, און די ארקעסטערס האבן אנגעהויבן שפילן פריילעכע מארשן און אויף די אלע פארזאמלטע מאסן האט זיך באגאסן א ים פון פרייד.

ווען די קארעטע איז געקומען צו דער מיטן פון דעם בריק, האט דער אידישער זעלנער ארויסגעשפרונגען פון קארעטע און אריינגעשפרונגען אין טייך מיט א הילכיקן „שמע ישראל" אויף זיינע ליפן — — —

דער קיסר האט אנגעהויבן קלאפן מיט זיינע הענט און זיין קאפ און גענומען שרייען: „אך ווי יעווריי קאקוי ווי טווארדי נארד" — איהר אידן וואס פארא הארט פאלק איהר זענט!

די קעניגין האט געקלאפט אין קאפ און נאך געזאגט די לעצטע ווערטער פון קיסר — „טווארדי נארד! טווארדי נארד"!

די פארטרעטער פון דער קירך האבן אראפגעלאזט די צלמים אויף דער ערד. די מיליטערישע ארקעסטערס זענען אנטשוויגן געווארן. די געדיכטע פארזאמלטע מאסן האבן זיך אנגעהויבן צו גיין אין אלע זייטן פארשעמטע מיט אראפגעלאזטע קעפ.

אויף דער גרויסער טעריטאריע פון רוסלאנד האט זיך פארשפרייט די מעשה קידוש השם פון דעם אידישן זעלנער וואס האט מוותר געווען אויף כבוד, רייכקייט און קאריערא, וואס האט נישט געוואלט ווערן אן איידים פון רוסישן קיסר, נישט געוואלט ווערן א פירער פון דער גרויסער רוסישער ארמיי נאר געוואלט פארשוואונדן ווערן צווישן די כוואליעס פון טייך פאר דעם אידישן ג-ט און פאר דעם אידישן פאלק.

ספורים פון "באר מים חיים"

איך דערצעהל אייך דא דריי ספורים פון הגאון רבי חיים טשערנאוויצער זצ"ל.

די ערשטע צוויי האב איך געהערט פון דעם סקוליענער רבי, הרב הצדיק ר' אליעזר זוסיא פארטוגאל שליט"א.

די ספורים דארף מען אננעמען פאר פינקטליכע צוליב צוויי טעמים.

דער ערשטער טעם איז — זיי זענען דאך ארויס פון א פה קדוש און דער

צווייטער טעם איז, ווייל דער סקוליענער רבי איז דאך געווען רב אין טשערנאוויץ, דארט וואו עס האט געלעבט רבי חיים און צום סקוליענער רבי האבן געקלעפט די איידעלע זקנים פון דער שטאט, וואס דער נאמען פון צדיק האט אלע מאל געשוועבט אויף זייערע ליפן און די זכרונות פון איהם האבן געשטארקט זייערע נשמות.

ס'איז וויכטיג און אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז דער גאון וצדיק רבי חיים זי"ע איז געווען דער גורם צו שטופן די ראד פון דער געשיכטע פון סקוליענער רבי אויף דעם וועג, אויף וועלכן די ראד האט זיך געקייקלט.

אין יאהר תש"ה איז דער סקוליענער שליט"א געווען באשטימט צו פארן קיין פוילן. דער סקוליענער האט אבער נישט געוואלט פארלאזן טשערנאוויץ אהן זיך צו געזעגענען מיטן בית מדרש פון „באר מים חיים".

איז ער אוועק צום בית מדרש און דורך דעם פארלארן די לעצטע געלעגנהייט צו קענען פאהרן קיין פוילן.

דאס האט איהם געבראכט צו זיצן נאך א יאהר אין טשערנאוויץ — א יאהר וואס איז געווען זעהר רייך אויף דעם געביט פון הצלה און ספעציעל אויף דעם געביט פון הצלת ילדים.

דאס האט איהם געבראכט צו אריבער געהן קיין רומעניע. אט די תקופה פון רומעניע איז די רייכסטע תקופה אין דער געשיכטע פון די טעטיגקייטן פון דעם צדיק.

* * *

אויב מען רעדט וועגן דער קינדער הצלה פון סקוליענער רבי וויל איך דערמאנען איין זאך כדי צו ראטעווען די זאך פון פארשוואונדן ווערן אין ים פון פארגעסנהייט, אזוי ווי ביי די אלע פערל און דימענטן פון דעם גרויסן צדיק.

אין יאהר תש"ו איז געווען א פארזאמלונג אין א שטאדט אין טראנסילאוואניע, ביי די פארזאמלונג איז געווען איינער א גרויסער גאון וצדיק וואס זיין נאמען איז באקאנט מסוף העולם ועד סופו (היינט אין ליכטיגן גן עדן).

די וויכטיגסטע פראגע אויף דעם פארזאמלונג איז געווען: — עס זענען אנגעקומען קיין רומעניע הונדערטער יתומים און יתומות. אין וועמענס הענט זאל מען איבערגעבן דעם חינוך פון די קינדער און ווער זאל מען מאכן פאר דעם פאראנטווארטליך?

יענער רבי האט געזאגט: איך מיין אז מען דארף דאס איבערגעבן צו דעם סקוליענער רב. ער האט דאך זוכה געווען צו ראטעווען הונדערטער יתומים.

ווען דער רבי האט געענדיגט רעדן, האב איך געבעטן דאס ווארט און איך

האב געזאגט: די וועלט רעדט וועגן די קינדער וואס דער סקוליענער האט געראטעוועט, ווייל א קינד אז מען ראטעוועט, דארף מען דאך אים שפייזן און מחנך זיין זעהט די וועלט די קינדער. א גרויסן מענטש אז מען ראטעוועט גייט ער גלייך אוועק צו געשעפט אדער ארבעט. דער סקוליענער רב האט געראטעוועט גרויסע מענטשן אסאך מער ווי קינדער.

דער רבי ז"ל האט זיך א הויב געטאן פון זיין שטול מיט גרויס אימפעט און ארויסגעשריגן:

איהר הערט וואס ער זאגט?! דער סקוליענער רב האט געראטעוועט גרויסע מענטשן א סאך מער ווי קינדער.

* * *

דער "באר מים חיים" און דער "ערבי נחל"

ווען רבי חיים טשערנאוויצער האט געדארפט פארן קיין ארץ ישראל, איז ער אריינגעפארן אין דער שטאדט פאראלוי זיך צו געזעגענען מיט'ן צדיק דער „ערבי נחל". דער האט מכבד געווען דער באר מים חיים מיט א דרשה.

נאך דער דרשה האט דער „ערבי נחל" געזאגט: אזא דרשה וואלטן מיר אויך געקענט זאגן. אבער די שטיקער פייער וואס האבן זיך געווארפן פון זיין מויל, וואו נעמט מען דאס?!

* * *

דער "באר מים חיים" און די ברכה פון בעל שם טוב

דער „באר מים חיים" איז אמאל געווען זייער שוואך און מיט אמאל האט ער פארמאכט די אויגן און געלעגן אונבאוועגליך עטליכע טעג.

דערנאך האט ער געגעבן א געשריי: רבי! און האט זיך אויפגעכאפט.

מען האט איהם געפרעגט, וואס איז דא געווען, און ער האט דערציילט:

מען האט איהם ארויפגענומען אויבן און מען האט אים געמשפט ער זאל דארט בלייבן. האט ער זיך דערוואוסט אז אין דעם געגנט איז אויך פאראן דער בעל שם טוב.

ער איז צוגעגאנגען צום בעל שם טוב און איהם געבעטן, ער זאל איהם א טובה טאן. און דער בעל שם האט געענטפערט: „כבר נגזרה גזירה" עס איז שוין באשלאסן געווארן.

האט דער „באר מים חיים" גע'טענה'ט צום בעל שם טוב: איך האב דאך אייך א טובה געטאן!

די מעשה פון דער טובה איז פאלגענד:

דער „באר מים חיים" איז געפארן צו רבי מיכעלע זלאטשעווער. ביי איהם פלעגט זיך ציען דאס שלש־סעודות זעהר לאנג און ער פלעגט נישט בענטשן ביז ער פלעגט נישט דערמאנען דעם בעל שם טוב.

איינמאל האט פאסירט, אז דער שלש סעודות האט זיך געצויגן זעהר לאנג און ר' מיכעלע האט געהייסן דערלאנגען מים אחרונים.

האט דער „באר מים חיים" געזאגט צו ר' מיכעלע: מען האט נאך נישט דערמאנט דעם בעל שם טוב. האט ר' מיכעלע איבערגעזאגט א דיבור פון בעל שם טוב.

האט ער גע'טענה'ט צום בעל שם טוב: איך האב אייך א טובה געטאן! האט דער בעל שם טוב ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפן קאפ פון באר מים חיים. און ער האט זיך שטארק דערשראקן און האט אנגעהויבן שרייען.

* * *

אויפן וועג קיין ארץ ישראל

עס האבן מיר דערציילט איידעלע אידן פון ירושלים:

ווען דער „באר מים חיים" איז געפארן קיין ארץ ישראל איז געוויינליך פרייטאג צו נאכטס געווען דארט אויפן שיף א מנין און מען האט געדאוונט.

נאכן דאוונען האבן די אידן געגעסן. צווישן די אידן איז געווען איין איד, וואס האט זיך געגרייט צום שלאפן. דער „באר מים חיים" האט געזאגט צו דעם אידן:

א איד רופט זיך א „שומר שבת"! מעג א שומר געהן ביינאכט שלאפן?!

די ווערטער פון צדיק ז"ל זענען אזוי אריין אין דעם הארץ פון דעם אידן, אז במשך זיין גאנצן לאנגן לעבן איז ער פרייטאג צו נאכטס קיינמאל נישט געגאנגען נארמאל שלאפן נאר אביסל געדרימלט און אויפגעשטאנען, געדרעמלט און אויפגעשטאנען.

זכותו יגן עלינו.

* * *

דאס וואס איך געה אייך דערצעהלן האב איך געהערט פון מיין עלטסטן ברודער הרב נחמן מאיר הי"ד, רב אין ציוציעוויץ.

מען קען זיך פארשטעלן, אז ער האט די מעשה געהערט פון הרה"צ רבי משה מיסקי (מידנער) ז"ל, ווייל ער איז צו אים געווען זייער נאנט און ער האט דער צדיק א סאך באדינט אלס בחור אין ישיבה און אלס קרוב אין זיין משפחה.

דער פאטער פון „באר מים חיים״ ר׳ שלמה איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם און עס שטעלט זיך די פראגע, ווי קומט צו א פשוטן איד אזא גרויסער זון דער גאון רבי חיים טשערנאוויצער.

און צוויי מעשיות האט ער דערציילט וועגן דעם, וואס דורך זיי האט ער זוכה געווען צו אזא גרויסן זון.

איין מעשה מיט מכירת חמץ.

ר׳ שלמה האט געוואוינט אין א דארף און געלעבט פון א בראנפן ברענעריי.

אין סוף פון דארף איז געווען א בערגל. אויפן בערגל איז דארט געשטאנען א הילצערנע הייזקע. אין דער הייזקע זענען געווען אלע מאשינען און אלע פעסער בראנפן.

ס׳איז געווען אמאל אין א פאר פסח. ר׳ שלמה האט אנגעטראפן א אידן פון א צווייטן דארף, און בעט אים א טובה אויב ער געהט אין שטאט פאר פסח זאל ער שוין פארקויפן אויך זיין חמץ. ער איז מסכים.

די צוויי אידן האבן גענומען א טיכעלע און געמאכט א קנין. ר׳ שלמה האט איבערגעגעבן דעם אידן די צעטלען פון זיין חמץ און די ביידע האבן זיך געוואונטשן איינער דעם אנדערן: א כשרן און פרייליכן פסח.

* * *

חול המועד פסח, ווען ר׳ שלמה איז געגאנגען און האט דערזען דעם צווייטן איד, האט דער צווייטער איד פארבראכן מיט ביידע הענט.

רופט זיך אן ר׳ שלמה: איך זעה אז איר האט פארגעסן פארקויפן מיין חמץ. דער צווייטער איד האט געזאגט: ווי איז מיר!

אין רוסלאנד פלעגט מען מאכן בראנפן פון תבואה און פאר ר׳ שלמה׳ן איז געווארן קלאר אז ער דארף פארברענען זיין גאנצער בראנפן ברענעריי. די בראנפן זענען חמץ, די הילצערנע הייזקע, וואו מען האט די בראנפן געמאכט איז געווען דורכגעזאפט מיט חמץ. מען דארף פארברענען זיין גאנץ פארמעגן.

האט ר׳ שלמה געזאגט זיין ווייב, אז דער ישובניק פון צווייטן דארף האט פארגעסן איבערגעבן דעם רב דעם חמץ צו פארקויפן, און חמץ וואס מען האט נישט פארקויפט פאר פסח צו א גוי, דארף מען עס פארברענען.

ר׳ שלמה מיט זיין פרוי האבן גענומען צינד־האלץ און עטליכע טרוקענע שפענדלאך האבן אנגעצונדן די שפענדלאך און געלייגט אונטער דער וואנט. פון אנפאנג האט עס געברענט פאמעליך. די ווענט זענען דאך אבער געווען דורכגעזאפט מיט אלקאהאל, האט זיך עס גאר גיך צעפלאקערט.

די פעסער פון בראנפן האבן אנגעהויבן פלאצן און בראנפן האט זיך גענומען

גיסן אין אלע זייטן. און די גויים פון דארף מיט זייערע משפחות זענען זיך געקומען צולויפן.

די ארימע גוים פון דארף לעכצן נאך א ביסל בראנפן. זיי זענען געלאפן אהיים און יעדער האט עפעס געבראכט. דער א טאפ, דער א שיסל און דער א קריגל. זיי האבן געכאפט פון דעם רינענדיגן בראנפן און געזויפט.

פון דעם טייכל וואס אונטער דעם בערגל האבן געטרונקן די הינט און חזירים פון דארף. דער בראנפן איז אראפגערונען אין טייכל און דאס וואסער איז געווארן געמישט מיט בראנפן. זענען אלע געווארן שיכור די מענטשן און די בהמות אלעס האט זיך געקייקלט אלעס האט געקראכן.

האט געזאגט ר' שלמה צו זיין פרוי. דו ווייסט, אז מיר זענען מקיים די מצוה ניט ווי מען דארף. מיר זאגן צוויי מאל אין טאג אין קריאת שמע: ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך „בכל לבבך" מיינט מיטן גאנצן הארץ „ובכל נפשך" מיינט מיט דער גאנצער נשמה „ובכל מאדך" מיינט מיטן גאנצן פארמעגן. אידן לעבן אפ א גאנץ לעבן און האבן נישט די זכי' צו מקיים זיין „בכל מאדך" — מיטן גאנצן פארמעגן. מיר האבן דאך אפגעגעבן פאר דעם רבש"ע דאס גאנצע פארמעגן, דארפן מיר דאך זיין פריילאך. פארוואס זענען מיר נישט פריילאך?

פרעגט די פרוי ר' שלמה'ן: ווי אזוי קענען מיר זיין פריילאך? ר' שלמה האט געענטפערט זיין פרוי: אין שכנות'ן דערפל איז פאראן א גוי, וואס קען שפילן פידל. איך האב נאך אין מיין קעשענע עפעס געלט, לאמיר דינגן דעם ציגיינער ער זאל שפילן און מיר וועלט טאנצן.

האט מען געבראכט דעם ציגיינער אוועקגעזעצט אויף א בענקל, דער ציגיינער האט געשפילט און ר' שלמה האט גענומען טאנצן!

* * *

דאס דארף אין וועלכן דאס איז פארגעקומען האט געהערט צו א פריץ וואס האט געוואוינט אין צווייטן זייט פון דעם דארף.

דער פריץ איז ארויס פון זיין הויז און ער האט דערזען, אז אין דארף איז עפעס א פייער. האט ער גערופן איינעם פון זיינע קנעכט, געהייסן אים זיך זעצן אויף א פערד, לויפן אין דארף און זען וואס עס ברענט.

עטליכע מינוט זענען אריבער און דער רייטער איז געקומען צוריק און געזאגט, אז דער איד שלמה איז משוגע געווארן. די איינוואוינער פון דארף האבן אים דערציילט, אז זיי האבן אליין געזען, ווי שלמה מיט זיין פרוי האבן מיט די אייגענע הענט אנגעצונדן זייער בראנפן ברענעריי. בראנפן גיסט זיך אין גאס,

מענטשן און בהמות זענען שיכור. דער ציגיינער שפילט אויפן פידל און שלמה טאנצט און זינגט.

דער פריץ האט אנגעהויבן שרייען: קען דאס זיין, שלמה איז דאך אזא קלוגער איד איך פרעג דאך אים אלע מאל עצות. דער קנעכט האט געזאגט צו דעם פריץ: דו גלויבסט מיר נישט. פאר אליין אין דארף וועסטו דאס אליין זעהן.

מען האט איינגעשפאנט דעם וואגן. דער פריץ איז געקומען אין דארף און ס'איז אים געווארן פינסטער אין די אויגן. עס ברענט, און אלעס איז שיכור, דער ציגיינער שפילט און שלמה טאנצט. דער פריץ האט געזאגט צו זיין קנעכט: איך פאר אהיים און דו בלייב דא שטיין. ווען דער שגעון וועט איהם אפלאזן זאג אים, אז ער מוז נאך היינט קומען צו מיר.

* * *

דער קנעכט איז צוגעגאנגען צו ר' שלמה און האט צו אים געזאגט: קום מיט מיר צום פריץ! דער פריץ וויל דיר נאך היינט זען.

דער קנעכט איז אוועק מיט ר' שלמה'ן צום פריץ און דער האט געזאגט צו ר' שלמה'ן: דו ווייסט שלמקע, אז איך האב דיר אלע מאל ליב געהאט, דו ביזט א קלוגער איד, דו פלעגסט מיר געבן גוטע עצות, אבער היינט זעה איך דאך אז דו ווערסט אמאל משוגע, בעט איך דיר פארלאז דעם דארף נאך היינט, ווייל ווי קען איך רוהיג שלאפן כל זמן דו ביזט דא. היינט ביזטו משוגע געווארן און פארברענט דיין פארמעגן, מארגן וועסטו משוגע ווערן און פארברענען מיין פארמעגן און וואס וועל איך טאן אויב דו וועסט אונטערצינדן מיין הויז ווען איך בין אין איר און איך אליין וועל מיט מיין הויז פארברענט ווערן?...

ר' שלמה האט זיך באמיהט מיט אלע כוחות צו דערקלערן דעם פריץ דעם ענין פון חמץ און מכירת חמץ, אבער דער פריץ'ס קאפ האט עס נישט געקענט כאפן און ר' שלמה מיט זיין פרוי האבן נאך דעם פארנאכט פארלאזט דאס דארף און אוועק אין דער גרויסער און ברייטער וועלט צו זוכן א נייע היים.

* * *

די צווייטע מעשה איז פארבונדן מיט דער מצוה פון חליצה.

ר' שלמה האט געהאט א ברודער און דער ברודער איז אוועק פון דעם וועלט אן קינדער. דארף מען דער פרוי געבן חליצה. די פרוי איז געווען אין אן אנדער שטאט.

האט זיך גענומען ר' שלמה געהן אין דער צווייטער שטאט. זיין משפחה און זיינע פריינד האבן אים אפגערעדט פון דעם. זיי האבן צו אים געזאגט: איצט איז

א ווינט און א שניי, דער וועג איז א סכנה. זיי האבן אים געהייסן ווארטן ביז דער קלימאט וועט זיך איינשטעלן.

ר׳ שלמה האט אבער געזאגט: „מצוה שבאה לידך אל תחמיצנה״ — אז ס׳קומט אונטער א מצוה טאר מען איר נישט אפלייגן און ער האט זיך געלאזט אין וועג.

ס׳איז אנגעקומען די נאכט און דער שניי האט געשאטן. דער שניי האט פארדעקט דעם וועג און ר׳ שלמה האט פארבלאנדזשעט. ער איז אריינגעפאלן אין א גרוב און איז אנטשלאפן געווארן.

אנטשלאפן ווערן אין א פראסט איז א זיכערער טויט ר״ל. ר׳ שלמה איז אבער ניצול געווארן פון טויט און ווען ער איז געשלאפן, איז צו אים געקומען אין חלום זיין טאטע פון יענער וועלט און האט צו איהם געזאגט:

פאר דעם נסיון פון מכירת חמץ און פארוואס דו ביזט אריינגעפאלן אין גרוב צוליב דער מצוה פון חליצה, וועסט האבן א זון וואס וועט מאכן א גרוב פון לעבעדיגען וואסער.

און דער זוהן רבי חיים האט געמאכט א באר מים חיים.

א דאנק השי״ת!

זיוכאוויץ איז א קליין שטעטעלע אדער א דארף אין די געגענטן פון ליטוויש פוילן.

וועגן רבי ישעי׳ זיוכאוויצער האט מען גערעדט זעהר גרויסע זאכן צווישן חסידישע אידן און צווישן מתנגדישע אידן. רבי ישעי׳ זיוכאוויצער איז געווען ניט קיין רב און ניט קיין רבי. ער איז געווען א באהאלטענער צדיק און גערעדט האט מען וועגן אים, אז ער איז געווען פון די עטליכע געציילטע, וואס האבן געפונען דעם ריכטיגן וועג אין עבודת השם אן א רבי.

ער איז געווען א פאסטוך. זיוכאוויץ האט געהערט צו א פריץ און ר׳ ישעי׳ האט געפאשעט די בהמות פון דעם פריץ. דער געהאלט פון א פאסטוך איז זעהר א קליינער, ווייל צו פאשן בהמות פאדערט זיך ניט קיין גרויסע חכמה און קיין גרויס געלערנטקייט. דאס קען טאן אפילו א ניט דערוואקסענער אינגל.

ר׳ ישעי׳ איז געווען א גאנץ גרויסער בעל משפחה — ער האט געהאט א פרוי מיט עטליכע קינדער און דאך האט אים דער פריץ געגעבן גענוג צום לעבן, ווייל דער פריץ און אלע גויים האבן געזען אז ר׳ ישעי׳ איז ניט קיין געוויינליכער מענטש.

* * *

ס׳איז געווען אמאל א פאל און זיין פריץ האט זיך געוואטן מיט א צווייטן פריץ, אז ווען ר׳ ישעי׳ דאוונט און מען וועט אויסשיסן א קויל איבער ר׳ ישעי׳ס קאפ און ער וועט זיך אפילו פון זיין ארט נישט רירן. מען האט אויסגעשאסן איבער ר׳ ישעי׳ס קאפ און ער האט זיך פון ארט נישט גערירט.

זיין פריץ האט אים געדאנקט, וואס דורך אים האט ער געוואונען עטליכע הונדערט רענדלאך און דער פריץ האט צו אים געזאגט: איך האב געהאט צוגעגרייט א צווייטע קויל. ווען דו וואלסט זיך א ריר געטאן און איך וואלט דורך דיר פארלוירן, וואלט איך די צווייטע קויל געשאסן אין דיר...

* * *

די גוים פון דארף האבן געוואוסט אז דאס פעלד וואס ר׳ ישעי׳ טרעט אויף איר וואקסט דאס יאר זייער גערעאטן און זיי פלעגן זאגן: „גדזיע שאיא כאדזי טאם זיטא ראדזי״ — וואו שאיע גייט, דארט וואקסט גוט די תבואה! און די גויים פלעגן אויסטראכטן פארשידענע קאמבינאציעס, אז ר׳ ישעי׳ זאל גיין אויף זייערע פעלדער.

איינע פון די זאכן וואס די גויים פלעגן טאן פלעגט זיין, ווען ר׳ ישעי׳ פלעגט טרייבן אין דער פרי דעם פריץ׳ס בהמות אין פעלד אדער ווען ער פלעגט טרייבן פארנאכט די בהמות פון פעלד, פלעגן די גויים ארויפטרייבן דעם פריץ׳ס בהמות אויף זייערע אייגענע פעלדער. ר׳ ישעי׳ פלעגט זען אז די בהמות זענען אויף פרעמדע פעלדער, פלעגט ער גיין די בהמות אראפטרייבן.

* * *

אין די ליטווישע קרייזן אין אמעריקע האב איך געהערט, אז ר׳ ישעי׳ פלעגט אלע פרייטאג גיין משמש זיין דעם ווילנער גאון.

דער וועג פון זיוכאוויץ ביז ווילנע איז געווען א גאנץ ווייטער. נישט נאר אין די ווינטער טעג נאר אפילו אין די גרעסטע זומער טעג איז געווען אוממעגליך צו קומען אין פרייטאג פון זיוכאוויץ קיין ווילנע. ר׳ ישעי׳ איז אבער געקומען פון זיוכאוויץ קיין ווילנע מיט קפיצת הדרך, דאס הייסט אויף אן איבער נאטירליכן וועג.

* * *

חסידים האבן דערציילט: ס׳איז אמאל געווען א זונטאג און די גויים פון זיוכאוויץ זענען געווען א ביסל באטרונקען און זיי האבן דערזען גיין ר׳ ישעיה׳ן, האבן זיי אלע איהם ארומגערינגלט און האבן צו אים געזאגט: דו ביזט א הייליגער מאן דו ווייסט געוויס זיין אין גן עדן. דו מוזט אונז צוזאגן, אז מיר וועלן זיין אין גן עדן צוזאמען מיט דיר. און אויב דו זאגסט אונז נישט צו, וועלן מיר דיר פון דא נישט ארויסלאזן.

ר׳ ישעי׳ איז געווען אין א שווערע לאגע, אבער ער איז געקומען אויף א איינפאל. ער האט געזאגט צו די גויים: אבער ווי אזוי וועט דאס זיין? איר קענט אן בראנפן קיין מינוט נישט לעבן, און איך קען אפילו דעם ריח פון בראנפן נישט הערן, אויב איר ווילט זיין מיט מיר צוזאמען אין גן עדן, מוזט איר זיך פון בראנפן אין גאנצן אפזאגן. די גויים וואס האבן אים ארומגערינגלט האבן זיך גלייך צוגאנגען און געזאגט מיט איין קול: (יעסלי טאק, ניע חאציעם) — אויב אזוי ווילן מיר נישט...

* * *

די מעשה וואס איך גיי אייך דערציילן האב איך געהערט פון ר׳ אהרן ידידאוויץ דער אייניקל פון ווילנער רב. די מעשה אין אלגעמיין איז אפשר באוואוסט פאר אנדערע, אבער ער האט עס מיר דערצעהלט פון א פארלעסליכן קוועלע.

ס׳איז געווען אין א שיינעם פרילינג טאג, בערך א 10 טעג נאך פורים און דער פריץ האט שפאצירט מיט זיין פרוי. די זון האט ליבליך געשיינט, די וואסערן פון דעם צולאזטן שניי האבן שוין כמעט ווי אין גאנצן פארשוואונדען און אויף דער ערד האבן זיך אנגעהויבן באוויזן די ערשטע שפראצונגען פון בלומען.

דער פריץ האט שפאצירט זעהר פריילך און מיט אמאל האט ער דערזען פון ווייטן ר׳ ישעיה׳ן.

דער פריץ האט אויסגערופן הילכיג: יאק שיען מאש שייקע — וואס מאכסטו שייקע, און ר׳ ישעי׳ האט געענטפערט: א דאנק ג-ט.

דער פריץ איז געווארן זייער אויפגערעגט און האט געזאגט צו ר׳ ישעי׳. אויף שבת און אויף יום טוב גיב איך דיר, האסטו געדארפט זאגן „א דאנק דעם פריץ״ און צום סוף זאגסטו גאר: א דאנק דעם רבונו של עולם. ר׳ ישעי׳ האט אנגעהויבן דערקלערן דעם פריץ, אז געוויס קומט א דאנק דעם פריץ, אבער דעם ערשטן דאנק דארף מען געבן דעם רבונו של עולם, ווייל דער פריץ איז נאר א שליח פון רבונו של עולם און ווען דער רבונו של עולם וואלט נישט וועלן, וואלט אים דער פריץ נישט געגעבן.

די רייד פון ר׳ ישעי׳ זענען נישט אריין אין דעם פריץ׳ס קאפ און דער פריץ האט געזאגט: אנשטאט זיך צו פארענטפערן אויף דיין נארישקייט און בעטן מיר מחילה, גייסטו זיך נאך צו בארעכטיגן מיט דיינע נארישע רייד. גוט! עטליכע וואכן ארום איז דאך אייער פסח, ווען איר דארפט מצה, ווייַן און נאך אזוי פיל זאכן. איך וועל דיר אויף פסח נישט געבן. דו דאנקסט ג-ט, זאל ער דיר געבן. זאל ער אראפווארפן א קעסטעלע מיט געלט פון הימל.

* * *

דער פריץ איז געקומען אהיים א צוקאכטער. און האט דערציילט פאר אלע מענטשן פון זיין הויז, וואס ס׳איז פארגעקומען צווישן אים און צווישן דעם איד — שייקע.

אלע מענטשן פון זיין הויז האבן געזאגט אז דער פריץ האט געטאן זייער קלוג. מען דארף אנלערנען דעם נארישן שייקע, ער דאנקט ג-ט — זאל אים זיין ג-ט געבן.

ר׳ ישעי׳ איז געקומען צו זיך אין הויז און זיך רוהיג געזעצט צו דער גמרא. ער איז געווען זיכער אז דער רבונו של עולם וועט אים געבן אויף פסח, כאטש ער ווייס נישט אויף וואס פארא וועג.

5 טעג פאר פסח איז פארגעקומען ביי דעם פריץ אין הויז דער פאלגענדער ספעקטאקל.

אין יענע צייטן האט יעדער פריץ געהאדעוועט אן אבעזיאנע אין די האט געגעבן דאס פרייד פארן גאנצן הויז. ווי נאר די זון פלעגט אויפשיינען פלעגט זי שפרינגען אהער און אהין און אלע האבן זיך מיט איהר געשפילט.

דעם אוונט, פינעף טעג פאר פסח, ווען אלע מענטשן אין פריץ׳ס הויז זענען שוין געלעגן אין זייערע בעטן און געשלאפן, איז דער פריץ געגאנגען און ארויסגענומען די קעסטעלע, וואס אין איר זענען געלעגן טייערע שטיינדלאך אין גרויסע געלט פאפירן, געבראכט די קעסטעלע צום טיש און האט קאנטראלירט וואס ער האט אין דעם קעסטעלע.

די קעסטעלע איז געווען דעם פריץ׳ס באהאלטענער אוצר און ס׳האט פון איר געוואוסט נאר דעם פריץ׳ס פרוי.

דער פריץ איז געזעסן אויפן בענקל און אויפן טיש איז געשטאנען די קעסטעלע. נעבן קעסטעלע איז געשטאנען א נאכט לעמפל, וואס האט באלויכטן דעם פריץ און די קעסטעלע. דער פריץ האט געציילט די פאפירענע געלט, און כדי ס׳זאלן זיך ניט צוקלעפן צוויי פאפירן, האט ער יעדע ווילע געלייגט זיינע פינגער אויף די ליפן כדי די פינגער צו פייכט מאכן.

די אבעזיאנע איז געזעסן שטיל אין דעם פינסטערן ווינקל פון הויז און האט זיך פון דער ווייטנס צוגעקוקט וואס דער פריץ טוט. זי האט געזען, אז יעדע ווילע לייגט דער פריץ די פינגער אויף דעם קעסטעלע און יעדע ווילע לייגט ער די פינגער אויף זיינע ליפן. און זי האט פארשטאנען אז דאס עסט דער פריץ פון קעסטעלע.

דער פריץ האט געענדיגט זיין ארבעט און אוועקגעטראגן די קעסטעלע אויפן פלאץ. די אבעזיאנע איז שטיל נאכגעגאנגען דעם פריץ און געזען דעם פלאץ פון דעם קעסטעלע.

ווען דער פריץ איז געגאנגען שלאפן און דאס ליכט איז אויסגעלאשן געווארן איז די אבעזיאנע אוועק צו דער קעסטעלע, געעפנט און גענומען עסן פון איר. די אבעזיאנע האט ארייגענומען איין גאלדן רענדל ארייגעלייגט אין מויל און דערשלונגען, גענומען א צווייטן רענדל און א דריטן און דערשלונגען. זי האט גענומען א פערטן רענדל, אבער דאס רענדל האט זי שוין נישט געקענט דערשלינגען און דער פערטער רענדל איז געבליבן שטעקן אין האלז. דער רענדל האט אנגעהויבן צו שטיקן דער אבעזיאנע און זי האט אוועקגעטראגן די קעסטעלע אויפן פלאץ און אנטלאפן צו איר ווינקל.

פארטאג, ווען די זון האט אויפגעשיינט און אלע מענטשן פון הויז האבן זיך אויפגעוועקט, האבן זיך אלע אנגעהויבן צו וואונדערן — אלע טאג אין די צייט שפרינגט שוין די אבעזיאנע ארום פריילין און היינט זעט מען איר ניט.

מען איז געקומען צו איהר ווינקל, אט ליגט זי טרויעריג. מען האט איר געגעבן עסן אבער זי עסט נישט. מען האט איר געגעבן טרינקען אבער זי טרינקט נישט.

ס'איז פאר אלעמען קלאר אז זי איז קראנק און מען דארף מיט איר פארן אין שטאט צו א חיות דאקטאר.

ביז די מענטשן האבן זיך אנגעטאן געהעריג, ביז די מענטשן האבן געגעסן, און זי איז געפייגערט.

די ארבעטער פון דעם פריץ האבן געוואלט ארויסטראגן איהר אויפן פעלד און באגראבן.

האט דער פריץ געזאגט: ניין! מען דארף מיט דער אבעזיאנע אנלערנען דעם חוצפה'דיגן שייקע. ביינאכט ווען אויף גאס איז פינסטער און אין הויז איז ליכטיג, שייקע זיצט אין זיין הויז מיטן גרויסן ספר, זאל מען זי ארייןווארפן אין זיין הויז דורכן פענסטער. זאל זיך דער נארישער שייקע דערשרעקן.

די ארבעטער פון דעם פריץ האבן זיך זעהר געפרייט פון דעם פריץ'ס קלוגן „איינפאל" און זיי האבן שוין געציילט די מינוטן צו דעם פרייליכן מאמענט.

ווען ס'איז נאר געווארן פינסטער זענען די ארבעטער צוגעקומען צו ר' ישעי'ס הויז און אריינגעווארפן מיט קראפט די אבעזיאנע אין ר' ישעיה'ס הויז.

ר' ישעי' איז געזעסן און געלערנט און פלוצלינג האט זיך די פענסטער צובראכן און עפעס איז אריינגעפאלן אין הויז. פון אנפאנג האט זיך ר' ישעי' דערשראקן, דערנאך האט ער דערזען אז אויף דעם פאדלאגע פון הויז ליגט א טויטע אבעזואנע.

זיין פרוי, וואס איז געשטאנען אין קיך און צוגעגרייט דעם אוונט־עסן פאר איר מאן האט דערהערט דעם קלאפ און איז גלייך אריינגעלאפן אין פארצימער.

ר' ישעי' און זיין פרוי זענען צוגעקומען און געזען אז אין מויל פון דער אבעזיאנע ליגט עפעס א שיין שטיינדל (ווען די ארבעטער האבן אריינגעווארפן די אבעזיאנע אין הויז האט דער שטיינדל וואס איז געווען אין האלז ארויסגעשפרונגען).

ר' ישעי' איז נישט געווען קיין גרויסער מבין אויף ווערטפולע זאכן, אבער ער האט געפיהלט אז דאס איז עפעס א ווערטפולע זאך און ער איז געווען זיכער, אז דאס האט דער רבש"ע צוגעשיקט אויף פסח.

ר' ישעי' האט געזאגט צו זיין פרוי: ברייננג אריין די האק. לאמיר עפענען די חיה אפשר וועלן מיר נאך עפעס געפינען.

די פרוי האט אזוי געטאן און מ'האט געפונען נאך 3 רענדלאך.

ר' ישעי' האט געזאגט צו זיין פרוי: דאס האט געוויס דער רבש"ע אונז צוגעשיקט אויף פסח. מיר דארפן מארגן גאנץ פרי פארן אין שטאט. דער פסח איז שוין נאנט.

צו מארגן אין דער פרי, ווען ר' ישעי' האט נאר באוויזן צו דאווענען און עפעס טועם זיין, איז ר' ישעי' מיט זיין פרוי געפארן אין שטאט, געקומען צו א באקאנטן דימאנט סוחר און באוויזן די דימאנטן.

דער דימאנט סוחר האט געזאגט צו ר' ישעי': די שטיינער זענען ווערט א סך געלט, אבער איצט 4 טעג פאר פסח טאר מען זיי נישט פארקויפן, ווייל יעדער איינער וועט פארשטיין אז ס'איז א דרינגענדער מצב און מען וועט דאס ווען אריינכאפן פאר ביליג. אי"ה חול המועד וועט מען דאס קענען פארקויפן פאר דעם געהעריגן פרייז.

ר' ישעי' האט געזאגט צו דעם דימאנט סוחר: איר רעדט וועגןווארטן ביז חוה"מ. דער יום טוב קומט אן און איך בין אן מצה און אן וויין, ווי אזוי קען איך ווארטן ביז חוה"מ.

דער דימאנט סוחר האט געזאגט צו ר' ישעי': די שטיינדלאך זענען ווערט א

סאך געלט. נעמט ביי מיר געלד וויפיל איר דארפט און וויפיל איר ווילט.

ר׳ ישעי׳ האט גענומען ביי דעם דימאנט סוחר געלט און געגאנגען מיט זיין פרוי זיך גרייטן צום פסח.

ערשטנס זענען זיי אוועק אין מצה בעקעריי. אלע יאר פלעגן זיי באקן מצה נאר כדי צו קענען יוצא זיין די סעודות. דאס איבריגע האט מען געגעסן קארטאפל. אלע יאר פלעגט מען באקן מצה פון דעם טונקעלסטן מעל, ווייל דער טונקלסטער מעל איז געווען ביליגער. דעם יאר האט מען געבאקן מצה פון דעם בעסטן מעל און מען האט געבאקן מצה לרוב. די קינדער זאלן קענען עסן וויפיל זיי ווילן.

פון מצה בעקעריי איז מען אוועק אין ווייַן געשעפט. דאס יאר האט מען געקויפט פון דעם בעסטן ווייַן און א סך.

ר׳ ישעי׳ האט געזאגט צו זיין פרוי: די פסח׳דיגע כלים זענען אזוי אלט און אפגעניצט, אז דער רבש״ע האט געגעבן געלט לאמיר קויפן נייע כלים, און זיי האבן געקויפט נייע.

ר׳ ישעי׳ האט געזאגט צו זיין פרוי: אז דער רבש״ע האט געגעבן אויף פסח, לאמיר זיך פארגינען. לאמיר קויפן נייע בגדים פאר אונז און פאר אונזערע קינדער. האבן זיי געקויפט נייע בגדים פאר זיך און פאר די קינדער. מען האט געקויפט שיינע טישטאכער און אלעס וואס מען דארף אין א אידיש הויז פסח.

פארנאכט איז ר׳ ישעי׳ מיט זיין פרוי געקומען אהיים מיט א סאך פעקלאך.

ר׳ ישעי׳ האט געזאגט ווייטער: ס׳איז דאך נאך פאראן עטליכע טעג ביז פסח. לאמיר ברייַנגען א גוי, ער זאל אויסקאלכן די הויז לכבוד יום טוב.

זיי האבן געבראכט א גוי און אויסגעקאלכט די הויז און ערב פסח בייטאג איז ר׳ ישעי׳ מיט זיין פרוי געזעסן צופרידן און גליקליך. מיט עטליכע טעג צוריק האט מען אין הויז קיין ברעקל מצה נישט געהאט און איצט האט מען אלץ וואס מען דארף אויף פסח — ממש מלכות׳דיג.

* * *

אין הויז פון פריץ האט מען געציילט די מינוטן. אלע האבן געוואלט שוין זען דעם פסח ביי שייקען אין הויז. דעם פסח וועלן זיי האבן א פולע נקמה פאר שייקעס נארישקייט. דער פריץ גיט אים אויף אלץ וואס ער דארף און ער האט אפילו קיין שכל נישט און ער דאנקט אנדערע.

פסח ביי דער נאכט איז דער פריץ מיט זיין פרוי געגאנגען צו דער הויז פון ר׳ ישעי׳ און אלע הויז מענטשן זענען זיי נאכגעגאנגען. ביי זיי איז געווען זיכער

אז אין הויז פון שייקע איז געווים פינסטער און די ווייב זיינע שילט אים געווים פאר זיין נארישקייט.

ווען זיי זענען געקומען נענטער צו דעם הויז, זענען זיי געווארן איבערראשט. פון צווישן די שפאלטן פון לאדן האט ארויסגעשטראלט א שטארקע ליכטיגקייט און ווען זיי האבן אריינגעקוקט אין די שפאלטן האבן זיי דערזען ממש אן אנדער הויז. — די ווענט זענען געווען שיין געקאלכט, די טישן באדעקט מיט נייע טישטאכער און אויף די טישן זענען געלעגן די שענסטע מצות און דער שענסטער וויין און אלעס וואס א איד דארף צום סדר.

דער פריץ האט אן איבערראשטער געזאגט: איך זע אז שייקע איז גערעכט. אויב זיין ג־ט וויל אים געבן, גיט ער אים אפילו אויב איך גיב ניט אבער ווי אזוי האט אים זיין ג־ט געגעבן? האט ער אים טאקע אראפגעווארפן א קעסטעלע מיט געלט פון דעם הימל? אבער איצט דארף מען אים נישט שטערן.

* * *

צו מארגנס האט דער פריץ גערופן ר׳ ישעי׳ און ער האט צו אים געזאגט: איך זע אז דו ביסט גערעכט! אויב דיין ג־ט וויל דיר געבן, גיט ער דיר אפילו ווען איך גיב נישט. זאג מיר אבער ווי אזוי האט ער דיר געגעבן? האט ער דיר טאקע אראפגעווארפן א קעסטעלע מיט געלט פון דעם הימל?

האט ר׳ ישעי׳ דערצעהלט צום פריץ די גאנצע מעשה.

האט דער פריץ געזאגט צו ר׳ ישעי׳: איצט זעה איך וואס פארא גרויסן ג־ט דו האסט! נישט נאר ער האט דיר געגעבן נאר ער האט טאקע ביי מיר גענומען און דיר געגעבן און נישט וויפיל איך גיב דיר אלע יאר נאר א סך מער.

פון דעם טאג אן האט דער פריץ אנגעהויבן צו רעספעקטירן ר׳ ישעי׳ען אסך מער ווי ביז דער פאל און ער האט אים פארזארגט מיט אלץ וואס ער האט געדארפט.

די דריי אידן אויף פסח

ס׳איז פאראן א פרק אין תהלים, וואס הויבט זיך אן מיט ווערטער: אשרי משכיל אל דל — גליקליך איז דער, וואס איז קלוג פאר דעם ארימאן.

ס׳איז ניט גענוג צו געבן געלט אדער אן אנדער זאך פאר א נויטיגן מענטשן,

נאר מען דארף אויך וויסן, ווי אזוי צו געבן, אז דער נויטיגער מענטש זאל זיך ניט פילן באליידיגט, נאר ער זאל זיך פילן גוט.*

דאס ווארט "ארימער מענטש" מיינט נישט דוקא אן ארימאן. אפילו דער רייכסטער מענטש קען זיך געפינען אין א לאגע, וואס ער דארף יענעמס הילף.

די מעשה וואס איך געה אייך דערציילן, איז וועגן 3 מענטשן וואס זענען געבליבן אויף פסח אין וועג און א רייכער איד האט זיי באהאנדלט מיט קלוגשאפט.

געהערט האב איך די מעשה פון ר' איטשע גאניצער הי"ד, א חסידישער איד.

* * *

עס זענען געווען צוויי אידן סוחרים־שותפים. זייער הויפט געשעפט האט זיך געדרייט אויף די ירידן. זומער פלעגן זיי עטליכע חדשים פארברייגען אויף דעם זומער יריד און ווינטער, עטליכע חדשים אויף דעם ווינטער יריד.

אויף די ירידן פלעגן זיי ווייזן סחורה, וואס זיי האבן געבראכט פון זייער געגענט. אנגעקוקט סחורה וואס מען האט געבראכט פון אנדערע געגנטן און אין די איבריגע חדשים פון יאר האבן זיי געהאנדלט מיט די סחורה, וואס זיי האבן געמאכט אויף די ירידן.

די צוויי שותפים האבן געהאט א איד אן ארבעטער ביי זיי. דער איד איז געווען זייער בעל עגלה. ער האט געפירט די אידן אויף די ירידן. ער האט צוגעשטעלט זייערע סחורות אין פארשידענע ערטער און ער האט באדינט דעם פערד און וואגן ווען זיי זענען געשטאנען אין דער היים.

אזוי האבן די דריי מענטשן געלעבט און זיך געהאלטן צוזאמען.

אין גמרא ווערט דערציילט: עס זענען געווען צוויי מענטשן, וואס יעדער פון זיי האט געהאט אן אלטן טאטן. איינער פון די צוויי האט געגעבן זיין טאטן שווארצן ברויט מיט וואסער און נאכן טויט איז ער געגאנגען אין גן עדן. דער צווייטער האט געגעבן זיין טאטן אלע טאג געבראטענע טייבעלאך און נאכן טויט איז ער געגאנגן אין גיהנום.

דער ערשטער האט געגעבן זיין פאטער ברויט מיט וואסער. ער איז געווען א שווערער פארדינער און ער האט פארדינט נאר אויף שווארצן ברויט. אבער ער האט געגעבן מיט שכל — מיט פריינדשאפט. און ווען זיין פאטער האט אים געפרעגט: האסטו פאר מיר אלע טאג צו עסן, האט דער זון געענטפערט מיט א שמייכל: זארג ניט טאטע! איך האב גענוג!

דער צווייטער האט געגעבן זיין פאטער געבראטענע טייבעלאך. ער האט גוט פארדינט און האט געהאט פון דאס בעסטע צום עסן און טרינקען. און ווען דער פאטער פלעגט אים פרעגן: האסטו דאס מיר צו געבן יעדן טאג, פלעגט דער זון ענטפערן: ס'איז נישט דיין עסק! מען גיט דיר עס!

דער פאטער האט טאקע געגעסן געבראטענע טייבעלאך, אבער ער האט זיי געגעסן אין פיין.

דעריבער זאגט דער פסוק: אשרי משכיל אל דל — גליקליך איז דער, וואס איז קלוג צו ארימע מענטשן.

דער ווינטער יריד פלעגט זיך געוויינליך ענדיגן א צוויי וואכן פאר פורים און די מענטשן פלעגן קומען געוויינליך אהיים בערך א צוויי וואכן נאך פורים.

* * *

האט זיך געמאכט א ווינטער, וואס אין אים האבן געשאטן גרויסע שנייען, און ווען דער יריד האט זיך געענדיגט, איז נאך געווען אוממעגליך צו פארן, זענען די אידן געזעסן אין קרעטשמע. אבער דער וועג צום פארן איז נאך ערגער געווארן.

א וואך איז אריבער און ס'איז נאך אוממעגליך צו פארן, ווייל מען האט געקענט אריינפאלן אין א גרוב און דאס גלייכן.

נאך עטליכע טעג זענען אריבער און מען האט שוין געקענט פארן, אבער די אידן האבן דערזען, אז ס'איז אן ערנסטע פראגע, צו מען וועט נאך קומען אהיים אויף פסח.

נאך עטליכע טעג זענען אריבער און די הערצער פון די דריי מענטשן האבן גענומען קלאפן — די מענטשן האבן דערזען אז זיי וועלן אויף פסח אהיים ניט קענען קומען. האבן זיי אנגעהויבן טראכטן וועגן א אידיש הויז וואו זיי זאלן קענען זיין פסח.

יעדע פאר מייל איז פאראן א ישוב. אבער נאר גויים וואוינען דארט — מען זעט דארט ניט אפילו קיין איין איד.

די אידן האבן געוואוסט, וואס זיי שטייט פאר, אויב זיי וועלן ניט טרעפן קיין אידישע הויז. וועלן זיי דארפן קויפן א זאך קארטאפל. אפבראטן די קארטאפל אויפן פעלד און מיט דעם פראווען דעם יום טוב. אבער זיי האבן זיך באטראכט אז די מעגליכקייט וועלן זיי האבן צו יעדע צייט ווייל גוישע דערפער זענען פאראן יעדע עטליכע מייל. ביז עטליכע שעה פאר יום טוב דארפן זיי פארן.

* * *

ס'איז שוין דער טאג פון בדיקת חמץ. אלע אידן וועלן דעם אוונט בודק חמץ זיין אין זייער הייזער און זיי געפינען זיך אויף פעלדער און אין וועלדער און ווייסן ניט, וואס וועט מיט זיי זיין פסח, און די פרויען מיט די קינדער זענען אליין אין דער היים.

צו מארגן ערב פסח אין דער פרי זענען די אידן אויפגעשטאנען גאנץ פרי און זיך געלאזט אין וועג. זיי זענען געפארן און געפארן. אין אלע ערטער נאר גויים און קיין איד זעהען זיי ניט פאר זייערע אויגן.

א זייגער 12 ביי טאג זענען זיי דורכגעפארן א קליין שטעטעלע. אין מיטן פון שטעטעלע איז געווען א מארק. אויפן מארק האבן זיך פארקויפט פארשידענע

זאכן. האבן זיי אפגעשטעלט דעם וואגן, געשפאצירט איבערן מארק, געקוקט אויף אלע פנימער, אפשר וועלן זיי דערזען א איד.

זיי זענען צוגעקומען צו א פלאץ, א מאן איז דארט געשטאנען און איינגעקויפט פארשידענע שפייזן און צווישן די שפייזן איז געווען א פעקעלע כריין.

דער מענטש איז געווען פיין אנגעטאן און אויסגעזען פיין. דאס פעקעלע כריין האט זיי געמאכט טראכטן, אפשר איז דאס א איד.

איינער פון די סוחרים האט זיך אפגעשטעלט און אים געפרעגט: ווי יעווריוו? — איר זענט א איד? דער מענטש האט געענטפערט: דא יא יעוורייי — יא איך בין א איד. האט דער סוחר אים ווייטער געפרעגט: קען מען אפשר צו אייך ריידן אויף אידיש? און דער מענטש האט געענטפערט: געוויס, איך בין דאך א איד.

דער סוחר האט דערצעהלט אז צוליב די גרויסע שנייען פון דעם היינטיגן ווינטער און דעם פלוצלינגן צולאזן פון דעם שניי זענען זיי געבליבן אויפן וועג, ווייט פון זייער היים. אפשר וואלטן זיי געקענט ביי אים זיין פסח?

דער מענטש האט געענטפערט: יא! איהר קענט ביי מיר זיין פסח, אבער איהר וועט דארפן באצאלן.

די סוחרים האבן זיך זייער דערפרייט און זי האבן צו אים געזאגט: דאס האבן מיר דאך טאקע געמיינט! מיר וואלטן זיך געפילט זייער שלעכט צו זיין אין א הויז אן געלט.

דער מענטש האט צו זיי געזאגט: ווייסט איר אבער, וויפיל איר וועט דארפן באצאלן? איר זענט דאך דריי מענטשן און הונדערט רובל וועט אייך קאסטן א מענטש. צוזאמען 300 רובל.

300 רובל איז באלד א העלפט פון זייער גאנצן פארמעגן און די מענטשן זענען געווארן אויפגעצייטערט. פאר 30 רובל האט געמאכט פסח א גאנצע משפחה און דער מענטש בעט פאר דריי מענטשן אזוי פיל געלט!

איינער פון די סוחרים האט אים א פרעג געטאן: קען דאס ניט זיין ביליגער? און דער מענטש האט געענטפערט: מיינע טייערע אידן! איך צווינג אייך ניט חלילה איר זאלט זיין ביי מיר. אויב איר ווילט, קענט איר זיין ערגעץ אנדערש. אויב אבער איר ווילט זיין ביי מיר, איז דאס דער פרייז.

די סוחרים האבן זיך איבערגעקוקט איינער אויפן אנדערן, אבער וואס קענען זיי טאן? וואו קענען זיי געהן און זיי האבן א שאקל געטאן מיט דעם קאפ, אז זיי זענען מסכים.

* * *

דער מענטש האט געענדיגט איינקויפן און איז צוגעגאנגען מיט זיין פעקעלע צו א וואגן, איינגעשפאנט אין צוויי פערד. אויף אזא וואגן דארף מען ניט קיינע צוויי פערד, דאס איז נאר א באוויז פון רייכקייט און לוקסוס. אויפן וואגן איז געזעסן א בעל עגלה שיין אנגעטאן, ווי ס'פאסט פאר א בעל עגלה פון א הויכן מענטשן. און דער מענטש האט געזאגט די סוחרים, זיי זאלן נאכפארן.

מען איז ארויס געפארן פון שטעדטל, געפארן ווייטער און געקומען צו א שיינעם הויף, אויף דעם הויף איז געשטאנען א שיין הויז, די פור האבן זיי דא אפגעשטעלט.

דער מענטש — דער בעל הבית פון הויז האט זיך גענומען גיין אין הויז. דער בעל עגלה פון די סוחרים האט זיך גענומען אויסשפאנען דעם פערד אבער דער בעל הבית האט צו אים געזאגט: ס'זענען פאראן ביי מיר מענטשן און זיי וועלן שוין קוקן אויפן פערד און וואגן. איר זענט מיד, איר דארפט גיין אין הויז אפרוען.

מען איז אריין אין הויז און דער בעל הבית האט געזאגט מיט שמחה צו זיין פרוי: דער אויבערשטער האט אונז צוגעשיקט דריי אידן אויף פסח.

מען האט גלייך געגרייט צום טיש און דערלאנגט עסן פאר די געסט. מען האט די מענטשן דערלאנגט עסן און אזעלכע גוטע שפייזן, וואס זיי האבן נאך אין זייער לעבן ניט געזען.

די מענטשן זענען אויסגעמאטערטע. וואכן לאנג ניט געהאט קיין ווארים געקעכטס אין מויל. און זיי האבן געגעסן מיט גרויס אפעטיט. באזונדערס האט ארויסגעוויזן דעם אפעטיט דער בעל עגלה, ער האט אבער באמערקט א שמייכל אויף דעם פנים פון די סוחרים — א שמייכל פון זיין זולל־וסובאדיגקייט. און ער האט זיך געפרובט פארענטפערן מיט דעם אויסרייד פון נקמה. עסט אסך! עסט מיט אלע כחות! א גראבקייט פון א אידן! בעטן 300 רובל פאר דריי אידן!

* * *

זיי האבן אפגעגעסן, האט מען זיי באוויזן א צימער זיך צו וואשן. זיי האבן זיך אויסגעוואשן און אריין אין פארצימער, האבן זיי ניט געפונען זייערע וועש און קליידונג. אויף דעם ארט זענען געלעגן שיינע זיידענע וועש און נייע פרישע בגדים. זיי האבן זיך אנגעטאן און ארויסגעגאנגען. זיי האבן געפרעגט אויף זייערע בגדים און דער בעל הבית האט זיי געענטפערט: וואס האט איר געוואלט? אריינגיין אין יום טוב פסח אין די אלטע בגדים וואס איר זענט אין זיי געפארן און מיט זיי זיך געוואלגערט.

די סוחרים האבן צווישן זיך גערעדט, אז דער בעל הבית איז ניט א רוצח, ווי

זיי האבן פון אנפאנג געמיינט נאר ער האט געבעטן א סך געלט, ווייל ער לאזט זיך אויף זיי קאסטן. אלעס געהט ביי אים מיט גרויס לוקסוס און דאס קאסט טאקע א סך געלט. זיי וואלטן אבער מער צופרידן געווען, ווען מען נעמט ביי זיי א 30 רובל און זיי האבן א געוויינליכן פסח — מצה מיט ווין מיט אלעס וואס א איד מוז האבן פסח. מען האט די דריי אידן אריינגעפירט אין א צימער. אין צימער זענען געשטאנען גרייטע בעטן. זיי האבן זיך געלייגט, געשלאפן עטליכע שעה און אויפגעשטאנען פרישע.

דער בעל הבית האט געזאגט צו די געסט, אז ניט ווייט פון דא — בערך א מייל פון דא איז פאראן א מנין און ס'קומט זיך צוזאמען 10 מענטשן פון פארשידענע ערטער.

* * *

זיי זענען געגאנגען דאווענען, געקומען צוריק אהיים און זיי האבן געטראפן געדעקטע טישן באשטעלט מיט די בעסטע פסח שפייזן.

זייער כעס אויף דעם בעל הבית איז שוין לאנג אריבער. אבער די איין מחשבה האט זיי געעגבערט דאס הארץ. די פרויען און די קינדער זענען אין די הייזער אליין און זיי זיצן דא און גיבן אויס זייער געלד אויף לוקסוס?

דעם ערשטן טאג חול המועד האבן די סוחרים געשמועסט, אז אויב דער בעל הבית וועט זיך מיט זיי פירן א גאנץ פסח ווי ביז איצט וועט אים פון די 300 רובל גארניט בלייבן.

די אכט טעג פסח זענען אריבער און ס'איז אנגעקומען מוצאי יום טוב. די אידן האבן זיך געוואלט לאזן אין וועג, אבער דער בעל הבית און די באלעבאסטע האבן זיך געשטעלט און געזאגט: ס'קען ניט זיין! פארן שפעט אין דער נאכט איז א סכנה. מיר פארשטייען אייך גאנץ גוט, אבער זיך לאזן ביינאכט אין וועג דאס קענען מיר ניט דערלויבן!

די אידן זענען געבליבן און דער בעל הבית האט געזאגט: מיר דארפן איצט פראווען א סעודה! מיר דארפן באגלייטן דעם פרייליכן יום טוב פסח און מיר דארפן באגלייטן די חשובע געסט!

מען האט געפראוועט א סעודה כיד המלך.

* * *

צו מארגנס אין דער פרי האבן די אידן זיך געגרייט צום וועג. דער בעל עגלה האט געוואלט געהן שפאנען דאס פערד, אבער דער בעל הבית האט געזאגט אז זיינע מענטשן וועלן שוין דאס אלעס טאן.

די מענטשן זענען ארויס פון הויז, דער בעל הבית מיט די בעל הבית'טע און אלע הויז מענטשן זענען נאכגעגאנגען.

אויפן וואגן זענען געלעגן געפאקטע פעקלאך. די אידן האבן געפרעגט דעם בעל הבית, וואס זענען דאס פאר א פעקלאך? און דער בעל הבית האט געענטפערט: חדשים זענט איר ניט געווען אין דער היים! א גאנץ פסח זענען אייערע פרויען און קינדער געווען אין די הייזער אליין, דארף מען זיי כאטש דערפרייען מיט עפעס מתנות!

די אידן האבן פארשטאנען, אז אין די פעקלאך ליגן חשובע זאכן און זיי האבן גענומען טענהן: די 300 רובל, וואס מיר דארפן אייך געבן האבן מיר שוין לאנג ארויסגענומען, דארפט איר נאך אונז געבן מתנות?

דער בעל הבית און די בעל הבית׳טע האבן אבער געטענהט עקשנותדיג: מיר פארשטייען ניט, ווי קען מען קומען אהיים אן א מתנה נאך אזא לאנגע צייט?

זיי זענען צוגעגאנגען צום וואגן און דער וואס האט געהאט ביי זיך דאס געלט האט ארויסגענומען 300 רובל און געוואלט געבן דעם בעל הבית.

דער בעל הבית האט געפרעגט! וואס איז דאס פארא געלט? און דער סוחר האט געזאגט: געלט פאר פסח! מיר זענען דאך ביי אייך געווען פסח, מיר האבן דאך ביי אייך געגעסן!

האט דער בעל הבית געזאגט: וואס ווילט איר, איך זאל די מצוה פארקויפן פאר געלט? דער סוחר האט זיך ניט געלאזט, אבער ער האט גארניט אויסגעפירט. דער בעל הבית האט קיין געלט ניט גענומען.

* * *

איינער פון די סוחרים האט געפרעגט דעם בעל הבית: אויב איר ווילט קיין געלט ניט נעמען, איז פארוואס האט איר דאס געלט געבעטן און פארוואס זענט איר געווען אזוי איינגע׳עקשנ׳ט, ווען מיר האבן אייך געפרעגט: אפשר קען זיין ביליגער?

דער בעל הבית האט די סוחרים געענטפערט: איך האב געזען אויף אייערע פנימער אז איר זענט שטילע און פיינע מענטשן. איך האב מיר פארגעשטעלט, אז איר זענט נאך קיינמאל ניט געזעסן ביי א פרעמדן טיש און אויב איך וואלט ביי אייך קיין געלט ניט געבעטן, וואלט ביי אייך דער פסח געווען א תשעה באב — איר זיצט און איר עסט ביי א פרעמדן טיש. איך האב דעריבער געבעטן דעם פולן פרייז, כדי איר זאלט פילן, אז איר עסט אייערע אייגענע אבער איך האב קיין מאל ניט געטראכט ביי אייך עפעס צו נעמען פאר פסח.

גוי קדוש

די מצוה פון צדקה וחסר איז זעהר גרויס. אבער „מתן בסתר” איז די גרעסטע מדרגה אין צדקה. „מתן בסתר” מיינט, אז דער וואס גיט די צדקה, ווייס נישט וועמען ער גיט, און דער וואס נעמט, ווייס נישט פון וועמען ער נעמט.

„מתן בסתר” האט די מעלה, וואס דער וואס גיט קען זיך אויף קיינעם נישט האלטן גרויס, און קען פון קיינעם קיין כבוד נישט באקומען; און דער וואס נעמט, האלט זיך פאר קיינעם נישט געפאלן און שעמט זיך נישט פאר קיינעם.

די מעשה פון מתן בסתר וואס איך געה אייך דא דערציילן, איז פון א מענטשן וואס נישט נאר ער האט נישט געוואלט האבן כבוד פאר זיינע גוטע מעשים, נאר ער האט זיינע גוטע מעשים אזוי באהאלטן, אז מענטשן האבן איהם געהאלטן פאר דעם ערגסטן.

די מעשה רופט זיך „די מעשה פון יעקב גוי” און איך האב די מעשה געהערט אין מיין געבורט שטאדט מוש, וואס איז נישט ווייט פון בעראנאוויץ.

תשעה באב נאך די קינות, געהענדיג פון בית הקברות האבן זיך די חסידים געלייגט אויפן גראז און מען האט דערציילט ספורים און איינער פון די ספורים, וואס איך האב דאן געהערט איז געווען דער ספור פון „יאנקל גוי”.

אין א שטעדטל אין רוסלאנד איז געווען א איד „יאנקל” האט מען איהם גערופן. יאנקל איז געווען א עלטערער מענטש. איהם האט קיינער נישט גערופן ר׳ יעקב, ווייל ער האט קיין כבוד נישט פארדינט.

יאנקל איז געווען זייער רייך — ער איז געווען דער רייכסטער מענטש אין שטעדטל. ער האט געהאט גרויסע און שיינע הייזער. ער האט געפירט גרויסע געשעפטן און ער האט געהאט א סך געלט. ער איז אבער געווען דער קארגסטער מענטש אין שטעדטל. ער האט קיינמאל נישט גענומען אן אורח צום עסן, קיינמאל נישט גענומען אן אורח צום שלאפן, קיינמאל קיין ארים מאן קיין קאפיקע נישט געגעבן, ער האט אפילו קיין ארים מאן אויף זיין שוועל נישט ארויפגעלאזט.

און נישט נאר ארימע לייט. אויף די געזעלשאפטליכע אנשטאלטן פון זיין אייגן שטעדטל האט ער אויך קיין מאל גארנישט געגעבן. אז מען פלעגט גיין קלייבן געלט אויף א נויטיגע זאך, פלעגט מען צו אים אפילו נישט ארייגגיין, מען פלעגט זיין הויז אויסמיידן „דא וואוינט דער רייכער הונט” פלעגן אלע זאגן אדער: „דער איז יאנקל גוי”.

מען האט אפילו געוואוסט צענדליגער פאלן, ווען יאנקל האט פארכאפט פרעמדע געלטער ווען ער האט בארויבט אומגליקליכע און ארימע יתומים.

פארגעקומען זענען די פאלן אויף פאלגענדעם אופן. —

יאנקל פלעגט פירן געשעפטן מיט אויסלאנד און עטליכע מאל אין יאהר

פלעגט ער אליין פארן קיין אויסלאנד. אמאל אין דייטשלאנד, אמאל אין פראנקרייך און ד.גל.

קיינע באנען זענען דאן נישט געגאנגען. די פאסט האט אויך נישט געארבעט ווי היינט. מען האט געדארפט פאהרן מיט פערד גאנצע וואכן.

ס׳האט זיך געמאכט אמאל, ווען ער איז געקומען פון דייטשלאנד, איז ער אריין צו אן אלמנה וואס האט געוואוינט אין שטעדטל. די אלמנה איז געווען אומגליקליך ביז דער העכסטן גראד. ס׳איז געווען אנפאנג ווינטער. דער שטרייגער און שטארקער רוסישער ווינטער האט שוין געדארפט אנקומען און די אלמנה האט נישט געהאט קיין איין קארטאפל אויף ווינטער און קיין איין שטיקל האלץ. א קינד איז געלעגן קראנק און די אלמנה האט נישט געהאט קיין געלט אויף רופן א דאקטאר און קויפן רפואות.

ווען יאנקל איז אריין אין הויז פון דער אלמנה, האט זיך זיך דערשראקן. זי האט געוואוסט אז פון אט דעם שלעכטן מענטש קען קיין גוטס נישט קומען. דער מענטש האט איהר דערציילט, אז ער איז ערשט געקומען פון דייטשלאנד און דארט האט ער גערעדט מיט איינעם וואס איז איהרער א קרוב.

די אלמנה מיינט אז יאנקל וויל איהר דערצערענען און פארטומלען דעם קאפ, הויבט זי אן צו זאגן מיט כעס: וואס ווילט איהר איך האב אין דייטשלאנד קיינמאל קיינע פריינד נישט געהאט! איך האב נישט געהאט קיינע פעטערס און קיינע מומעס! פון וואנען האב איך דארט קרובים...

יעקב הויבט איהר אן צו דערקלערן, אז דאס איז זיכער א קרוב, נאר מסתמא האט זי פון צרות פארגעסן.

די אלמנה ווערט נאך מער אין כעס. זיך רעדט צו איהם: נו טא וואס ווילט איר פון מיר?

דערציילט יאנקל די אלמנה, אז דער קרוב האט זיך נאכגעפרעגט אויף איהר לעבן און אויף איר מאטעריעלער לאגע. יאנקל האט דעם קרוב דערציילט וועגן איר לאגע, האט ער איהם געגעבן פאר איר 500 מארק.

די אלמנה האט דאס דערהערט איז זי צוטומלט געווארן פאר פרייד. פאר 500 מארק וועט זי דאך קענען קויפן קארטאפל אויף א לאנגע צייט. זי וועט קענען אפילו בייטן די דירה.

די אלמנה איז שוין זיכער געווען אז זי האט אין דייטשלאנד א קרוב, נאר זי ווייס נישט פון איהם.

יאנקל זאגט אבער אז ער וועט איהר נישט געבן די גאנצע 500 מארק נאר 450 און איין פופציגער נעמט ער פארן ברייננגען.

די אלמנה נעמט טענה׳ן: פארוואס זאלט איהר אפרייסן פון מיר א פופציגער? איר זענט דאך אזוי רייך? איר דארפט דען מיין פופציגער? איהר האט זיך פארמאטערט פירענדיג דאס געלט?

יאנקל ענטפערט די אלמנה: ווילסטו נישט וועל איך דאס געלט צוריק אוועקפירן קיין דייטשלאנד צום קרוב. די אלמנה הויבט זיך אן צו בעטן און צו וויינען. יאנקל וויל אבער אפילו נישט אויסהערן. ער נעמט ארויס פון קעשענע 500 מארק, 450 לייגט ער אוועק אויפן טיש און 50 מארק לייגט ער אריין צוריק אין זיין קעשענע און פארקלאפט די טיר פון דער אלמנה׳ס הויז.

די אלמנה רעדט זיך אויס פאר די שכנות און שיט אויס אויף זיין קאפ איהר ביטער הארץ: פארקריינקען זאלסטו מיינע 50 מארק! „צו מיין לאגע זאלסטו קומען״ שרייט זי אים נאך. אזא רויבער! אזא הונט! ער האט נישט זיין געלט וואו אהין צו טאן, קיין קאפיקע צדקה גיט ער נישט, טאמער האט אויף מיר רחמנות געהאט א קרוב פון דייטשלאנד און געשיקט 500 מארק, האט דער רויבער אראפגעריסן א גאנצן פופציגער.

* * *

א צווייטן מאל האט זיך געטראפן אזא פאל מיט א אונגליקליכער יתומה. אן א פאטער און אן א מוטער.

דאס מיידל האט שוין געדארפט פון לאנג א שידוך טאן. זי האט אבער נישט געהאט אויף נדן און נישט געהאט אויף קליידונג.

איין מאל ווען יאנקל איז געקומען פון פראנקרייך איז ער אריין דארטן און דערציילט אז ביי איר פאטער איז געווען א ברודער. דער ברודער איז פארפאלן געווארן זייענדיג א קליין קינד. דעם פאטער׳ס ברודער געפינט זיך אבער אין פראנקרייך. אבער דאס מיידל געדענקט נישט איר פאטער, זי ווייס נישט וועגן פאטער׳ס פאמיליע.

יאנקל דערציילט איהר, אז איר פעטער האט איר געשיקט 800 רובל אויף נדן.

דאס מיידל דערפרייט זיך אויסערגעוויינליך, ווייל 800 רובל איז נישט קיין געוויינליכער נדן, דאס איז שוין גאר א גרויסער נדן.

יאנקל זאגט אבער אז הונדערט רובל נעמט ער פארן ברייגגען. דאס מיידל הויבט אן צו טענה׳ן און זיך בעטן ביים אים, אבער אומזיסט. — ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש 800 רובל. 700 רובל האט ער אוועקגעלייגט אויפן טיש און איין הונדערטער האט ער אריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און ארויס פון דעם הויז.

אזעלכע פאלן האבן זיך געטראפן עטליכע מאל און אלע איינוואוינער פון שטעדטל האבן אים געהאסט און געשאלטן.

* * *

ס׳איז אנגעקומען א טאג און יאנקל איז קראנק געווארן און געשטארבן.

אין א קליין שטעדטל ווען ס׳שטארבט א מענטש, ווערט געוויינליך אין שטעדטל טרויעריג, ווייל אין א קליין שטעדטל קען דאך געוויינליך איינער דעם אנדערן.

ווען יאנקל איז געשטארבן האט אבער קיינער נישט געטרויערט. אלע האבן געלאכט און זיך געפרייט. אלע האבן נאר געטראכט ווי זיך אפצורעכנען מיט דעם קארגן און שלעכטן מענטש.

די חברה קדישא האט נישט געוואלט מיט איהם זיך צו פארנעמען, זי האט פארלאנגט פון דער משפחה א סך געלט. דריי טעג און נעכט איז ער געלעגן ביי זיך אין הויז. צום דריטן טאג האט מען אים באגראבן, אבער געלייגט האט מען איהם נישט צווישן די מענטשן נאר ביי דער זייט, נאנט צום גדר.

ביי זיין לויה איז אפילו קיין מנין מענטשן נישט געווען. קיינער האט נאך איהם קיין קדיש געזאגט.

קיינע קינדער האט ער אין שטעדטל נישט געהאט, האבן די איינוואוינער אויפגעשטעלט אויף זיין קבר א מצבה בזה הלשון: פה נקבר יאנקל גוי (דא איז באגראבן געווארן יאנקל דער גוי).

* * *

אין דעם שטעדטל איז געווען א גרויסער בעל צדקה און א גרויסער מכניס אורח, ער האט געהאט א גרויסע הויז מיט א סך צימערן. אז ס׳פלעגט קומען אן ארימאן אין שטעדטל, פלעגט ער ביי איהם עסן, ביי איהם טרינקען און ביי איהם שלאפן. געגעסן האט דער ארעמער פון די בעסטע שפייזן און פון די בעסטע געטראנקען און געשלאפן אין ריינע ווייכע בעטן.

דער איד האט קיינעם נישט געיאגט. ארימע מענטשן זענען ביי איהם געזעסן ווי לאנג זיי האבן נאר געוואלט. דער איד, זיין פרוי און זיינע קינדער זענען גאנצע טעג געשטאנען און באדינט די ארימע לייט — געקאכט פאר זיי געוואשן פאר זיי. ווען א ארימאן פלעגט אוועקפאהרן, פלעגט ער באקומען שפייז אויפן וועג און א שיינע נדבה.

פון וואנען דער איד האט געלעבט האט מען קלאר נישט געוואוסט. ס׳האט געהייסן אז ער האנדלט מיט אויסלאנד.

צוויי חדשים נאך דעם טויט פון יאנקלען, האט דער בעל צדקה פון שטעדטל

אנגעהויבן קארגן — ער האט שוין נישט מיטגעגעבן יעדן ארימאן א גרויסע נדבה און דאס עסן און טרינקען פון די ארימע מענטשן איז אויך געווארן שוואכער ווי פריער.

עס זענען אריבער געגאנגען נאך עטליכע חדשים און דאס עסן און טרינקען פאר די ארימע לייט האט זיך אינגאנצן אויפגעהערט. די איינציגע זאך וואס די ארימע לייט האבן אין דעם הויז באקומען, איז געווען דאס שלאפן.

די איינוואוינער פון שטעדטל האבן אנגעהויבן ריידן צווישן זיך וואס איז דא געשעהן, פארוואס האט דער בעל צדקה, וואס האט יאהרן גאנצע געפיהרט זיין טעטיגקייט אן קיינע ענדערונגען, לעצטנס אפגעשטעלט זיין טעטיגקייט?

אויסער דעם איז געווארן אויפפאלענד נאך א זאך — יאנקל איז געשטארבן. זיין געשעפט פירן דאך אבער אנדערע מענטשן און די מענטשן פארן אויך עטליכע מאל אין יאהר אין אויסלאנד. פארוואס טרעפט זיך נישט ביי די מענטשן, אז א פריינד פון אן אנדער לאנד זאל שיקן צדקה פאר א קרובה א יתומה, א קראנקע אלמנה א.ד.ג. דאס איז געווען א רעטעניש פאר אלעמען.

עלטערע מענטשן זענען געקומען צום רב פון שטאדט און איהם געבעטן, ער זאל טאן וואס מעגליך אויפצודעקן דעם סוד.

דער רב האט פאררופן צו זיך דעם בעל צדקה און געפרעגט: פון וואנען האט איהר גענומען די גאנצע צייט פיל געלט אויף צדקה און פארוואס האט איהר לעצטנס אויפגעהערט צו טיילן?

פון אנהויב האט דער איד נישט געוואלט ענטפערן.

דער רב האט אבער געזאגט: איך בין רב דא אין שטאדט און איך הייס דיר ריידן.

דער איד האט אנגעהויבן ריידן און דער רב איז פארציטערט געווארן. ער האט דערציילט אז דאס הויז אין וועלכן ער וואוינט איז געקויפט געווארן פאר דעם געלד פון יאנקל, דעם גביר. די גאנצע צדקה, וואס ער האט געטיילט איז געווען יאנקל'ס געלט. יאנקל האט איהם אנגעזאגט, ער זאל קיינעם נישט דערציילן. פאר דעם טויט האט יאנקל איהם איבערגעלאזט א סך געלט און האט איהם ווידער געבעטן קיינעם נישט דערציילן. דאס געלט האט זיך אבער אויסגעלאזט, האט ער מער נישט וואס צו געבן.

* * *

פאר אלע איינוואוינערס פון שטעדטל איז שוין קלאר געווארן, וואס דא איז פארגעקומען. אלע האבן שוין פארשטאנען, אז דאס געלט, וואס יאנקל פלעגט

בריינגען איז געווען זיינע אייגענע — קיינע פעטערס און קיינע מומעס האבן דאס געלט נישט געשיקט.

אין שטאדט איז געווארן א גרויסער רעש. אלע האבן זיך דערוואוסט, אז יאנקל דער קארגער גביר איז געווען דער גרעסטער בעל צדקה. אלע האבן זיך דערוואוסט, אז דער מענטש וואס זיי האבן מיט די פיס געטראטן, איז געווען דער בעסטער מענטש אין שטעדטל און אלע מענטשן האבן שטארק חרטה געהאט פאר דער באליידיגונג וואס זיי האבן איהם אנגעמאכט.

זיי האבן זיך אויך דערמאנט, אז אויף זיין מצבה האבן זיי אויפגעשריבן: יאנקל גוי. זענען אלע געקומען צו לויפן צום רב פון שטאדט. מען האט געמאכט א גרויסע פארזאמלונג מען האט באשלאסן צו געהן אויף זיין קבר, בעטן איהם מחילה און אויסמעקן דאס ווארט „גוי״ פון דער מצבה.

מען האט אבער דאס ווארט נישט אויסגעמעקט. דער נפטר איז געקומען צום רב און חלום און געבעטן, מען זאל דאס ווארט „גוי״ נישט אויסמעקן. ער האט געזאגט צום רב: דאס ווארט „גוי״ לייכט מיר אין אלע ווינקעלאך.

דער רב איז געווען אין גרויס פארלעגנהייט — ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טאן? אויסמעקן דאס ווארט „גוי״ טאר ער נישט, ווייל דער געשטארבענער אליין האט אים דאך געבעטן ער זאל דאס ווארט נישט אויסמעקן. לאזן דאס ווארט „גוי״ האט ער אויך נישט געוואלט. ער האט געהייסן צושטעלן אויף דער מצבה נאכן ווארט „גוי״ דאס ווארט „קדוש״.

אין געשטאנען אויף די מצבה: „פה נטמן ר׳ יעקב גוי קדוש״.

ר׳ אברהם בעל בטחון

אין דער שטאט באראנאוויץ איז געווען א רב — א רב פאר דער גאנצער שטאט. חוץ דעם רב זענען געווען 2 דינים. 1 דיין פון די סלאנימער חסידים — הרב ניסן שיינבערג און דער צווייטער דיין פון די קוידענאווער חסידים — הרב ישראל לאנדעסמאן.

די דערציילונג וואס איך גיי אייך דערציילן האב איך געהערט פון דעם דיין, הרב ניסן שיינבערג.

אין דער שטאדט ווילנע איז געווען א איד, זייער א חשוב׳ער. ער האט

געקענט א סך תורה און ער האט געלערנט א סך תורה. ער איז געווען א גרויסער גביר און ער האט געטאן א סך צדקה וחסר.

ער האט זיך גערופן ר׳ אברהם, אבער צוליב זיינע גוטע מדות האט מען אים גערופן — ר׳ אברהם בעל בטחון.

ס׳איז געווען אמאל אין דער פרי און ר׳ אברהם איז געגאנגען פון שול פון דאוונען מיט דעם טלית אונטער דער האנט און א מחשבה איז אים אריין אין זיין קאפ.

מיר זאגן אין דאוונען — „משפיל גאים עדי ארץ ומגביה שפלים עדי מרום״ — דער אייבערשטער קען נידריג מאכן די הויכע ביז צו דער ערד, און דער אייבערשטער קען אויפהויבן נידריגע ביז צו דער הימל. ווי אזוי וואלט דער אייבערשטער געקענט מיר מאכן נידריג ביז צו דער ערד? איך האב גרויסע געשעפטן, איך האב אזויפיל גרויסע הייזער און איך האב אזויפיל געלט.

ווען איך וואלט פארלארן מיינע געשעפטן, האב איך אזויפיל גרויסע הייזער. ווען אלע מיינע הייזער וואלטן אפגעברענט, האב איך פארזיכערונג. ווען די פארזיכערונג וואלט נישט געצאלט, האב איך אזויפיל געלט אין די בענק פון לאנד און אין די בענק פון אויסלאנד. ווען אלע בענק וואלטן באנקראטירט, האב איך רייכע קינדער און די קינדער וואלטן מיר געשטיצט. און אפילו ווען מיינע קינדער וואלטן אויך אלעס פארלארן האב איך געטאן אין מיין לעבן אזוי פיל גוטס, אז די אידישע געזעלשאפט וואלט מיר צוגעשטעלט אלע נויטווענדיגקייטן מיט דעם גרעסטן כבוד. ווי אזוי וואלט דער אייבערשטער געקענט מיר מאכן נידריג ווי די ערד?

און זייענדיג פארטיפט אין דער מחשבה איז ער אריינגעגאנגען אין בראמא אסטראבראמסקא.

בראמא אסטראבראמסקא איז געווען א קלויסטער וואס האט ארומגענומען ביידע זייטן פון דער גאס און אין דער הויך איז דער קלויסטער געגאנגען איבער דער גאס. דער קלויסטער איז געווען זייער א הייליגער. דארט איז געווען עפעס א הייליגע מאמע. דארט איז אלע מאל געשטאנען א פאליסמאן און יעדער וואס איז דארט געגאנגען האט געדארפט אראפנעמען דעם הוט. דעם היטל אראפנעמען האט געהייסן דער פאליסמאן און אויב מען האט עס גלייך ניט געטאן, האט מען געהערט די שפראך פון א האנט אדער א שטעקן.

כדי ניט צו דארפן גיין דורך דעם קלויסטער און כדי ניט צו דארפן אראפנעמען דעם היטל פאר דעם עבודה זרה, פלעגן מיר גיין עטליכע גאסן ארום.

ר׳ אברהם איז געווען פארטראכט און אריינגעגאנגען אין דעם פלאץ.

ר׳ אברהם איז געווען באקאנט אפילו ביי אלע גויים און ווען מען האט אים געזען גיין, האט מען געעפנט א טיר. ר׳ אברהם איז אריין אין דעם אפענער טיר און ווי נאר ר׳ אברהם איז אריין אין דער טיר, האט זיך די טיר פארמאכט און ר׳ אברהם האט דערזען פאר זיינע אויגן א הויכן גלח מיט די גלחישע בגדים.

דער גלח האט געזאגט צו ר׳ אברהם: קיינער ווייסט נישט אז דו ביסט דא ביי אונז. דו וועסט פון דא נישט ארויסגיין ביז דו וועסט זיך שמדן — ביז דו וועסט ווערן א גוי.

ר׳ אברהם האט אנגעהויבן וויינען און שרייען: ווי קענסטו דאס פון מיר פארלאנגען? איך בין א מענטש אין די עלטערע יארן, אלע יארן געלעבט ווי א איד און איצט זאל איך בייטן מיין אמונה?

דער גלח האט געזאגט צו ר׳ אברהם: איין עצה האסטו אז דו זאלסט פון דא ארויסגיין און בלייבן א איד. דו זאלסט מיר געבן א שריפט אז דיין גאנץ פארמעגן וואס האסט אין לאנד און אין אויסלאנד זאל געהערן צו דער קירך, און דו זאלסט שרייבן אז דו טוסט דאס פרייוויליג, ווייל דו האסט דערזען דעם אמת און טאמער וועסטו עמיצען דערציילן אז דו ביסט געווען געצוואונגען צום דעם, וועסטו זיך מוזן געזעגענען מיטן לעבן.

ר׳ אברהם האט מיט שמחה אונטער געשריבן דעם פאפיר און דער גלח האט ר׳ אברהם געלאזט גיין פריי.

ר׳ אברהם איז ארויסגעגאנגען פון קלויסטער, געגאנגען און געטראכט: רבש״ע דו האסט מיר שוין באוויזן אז דו קענסט. מאכן די גרעסטע נידריג ווי די ערד. איך בין טאקע אין איין האלבע שעה געווארן נידריגער ווי די ערד.

קיינער וועט מיר ניט אנקוקן און קיינער וועט אפילו צו מיר נישט א שאקל טון מיט דער קאפ. און אויב איך וועל אפילו צו עמיצן שאקלען מיט דעם קאפ, וועט דאך קיינער מיר ניט ענטפערן.

מיינע אייגענע קינדער וועלן דאך זאגן אז זיי ווילן נישט זיין מיינע קינדער. אן אלטער איד וואס איז א גאנץ לעבן געווען פרום, האט אפגעגעבן זיין גאנצע רייכקייט פאר דעם קלויסטער. ווי אזוי ער האט זיך אונטערגעשריבן, וועט ער מורא האבן צו דערציילן און אויב ער וועט יא דערציילן, ווער וועט אים גלויבן? ער איז איצט דער גרעסטער ארימאן אויף דער וועלט. ג־ט האט אים שוין געוויזן זיין קראפט.

ווי קען אבער איצט ג־ט ווייזן זיין קראפט און מאכן אים גרויס? די פאפירן ליגן ביי דעם גלח און אויף די פאפירן איז ער אברהם אונטערגעשריבן אז זיין גאנצע פארמעגן געהערט צו דעם קלויסטער. מען וועט דאך אים איצט אפילו אין שול ניט אריינלאזן. ווי אזוי קען ג־ט אים איצט מאכן גרויס.

ר׳ אברהם גייט און טראכט און דער הימל האט זיך אנגעהויבן באדעקן מיט וואלקנס און ס׳האט אנגעהויבן צו דונערן. פלוצלינג האט אנגעהויבן שטארק צו דונערן און א שטארקע בליץ איז אראפגעפאלן אויפן קלויסטער. דער קלויסטער איז צופאלן געווארן און דער גלח איז פארברענט געווארן צוזאמען מיט די פאפירן. קיינער אויף דער וועלט האט די פאפירן נישט געלייענט און קיינער האט די פאפירן נישט געזען.

ר׳ אברהם איז דער זעלבער גביר ווי פריער. דער זעלבער פרומער און שיינער איד ווי פריער. ג־ט האט שוין באוויזן ביידע זאכן — ער האט אים קודם געמאכט פון דער הימל ביז צו דער ערד און דערנאך האט ער אים צוריק פון דער ערד צום הימל געבראכט.

און ר׳ אברהם איז געבליבן דער זעלבער — ר׳ אברהם בעל בטחון.

גערעטעוועט מיט חכמה

די מעשה איז אפשר באוואוסט פאר אנדער אין פארשידענע אופנים, דא ווערט דערצעהלט די מעשה פון אן ארגינעלן מקור. הרב צבי יוסף מיסקי שליט״א בעת זיין באזוך אין ווילנע פאר די צווייטע וועלט מלחמה, איז געוועזן ביים קבר פון דעם שליח מצוה, ווייזט אויס פון די צדיקים נסתרים און פון איהם איז ארויס געקומען א ישועה, ווי עס איז באשריבן אין פנקס הקהל פון ווילנע.

ווען מיר זענען געווען אויפן אלטן בית הקברות אין ווילנע האט אונז דער שומר פון בית הקברות, ר׳ מיכל אהרן הי״ד באוויזן א מצבה, וואס אויף איר איז געווען אנגעשריבן: „שהציל את העיר בחכמתו״ — וועלכער האט גערעטעוועט די שטאדט מיט זיין חכמה, און ר׳ מיכל אהרן האט אונז דערציילט, וואס ס׳שטייט אנגעשריבן אין פנקס וועגן דעם איד.

* * *

אין ווילנע איז ביזן לעצטן טאג געווען א קאראאימישע קהלה מיט זייערע א „שול״ און די מעשה איז געוועהן אזוי:

די קאראאימער פון דער שטאדט ווילנע האבן אריינגעגעבן א קלאגע צו דעם שופט פון שטאדט, אז זיי זענען די „אמתע אפשטאם קינדער פון משה רבנו״ און די אמתע טרעגער פון דער אידישער תורה און די אלע פארמעגנס וואס געהערן צו דער אידישער קהלה, ווי די בנינים און דאס גלייכן האבן אין די אלטע יארן געהערט צו די קאראאימער פון ווילנע, די אידן האבן דאס אבער אין דער גאנג

פון דער געשיכטע דורך פארשידענע שפיצלאך פארוואנדלט פאר דעם פארמעגן פון דער אידישער קהלה.

דער שופט פון ווילנע האט פארלאנגט, אז עס זאלן קומען צו אים א פארטרעטער פון די קאַראַאימער און א פארטרעטער פון די אידן, זיי זאלן פירן א וויכוח וועגן דער פראגע. ער וויל הערן זייערע טענות.

ביי די אידן פון ווילנע איז געווען זייער א שווערע לאגע. קיין איד האט זיך ניט געמעכטיגט צו געהן צו דעם שופט. האבן אידן געזאגט תהלים און געבעטן ג־ט. פלוצלונג „וואקסט" אויס א איד און זאגט, אז ער וויל געהן צום שופט פון שטאדט. עס איז באשטימט געווארן א צייט און דער איד האט זיך געטראפן אין איין פלאץ מיט דעם פארטרעטער פון די קאראאימער און זיי זענעןביידע געגאנגען צום שופט.

ווען זיי האבן געדארפט אריינגיין אין צימער פון דעם שופט האט דער איד אויסגעטאן די שיך. זייענדיג פארטראכט האט ער גענומען די שיך אין זיין האנט און אזוי אריין צו דעם שופט.

ווען זיי זענען ביידע אריין צום שופט, האט דער שופט געפרעגט דעם איד: פארוואס האסטו אויסגעטאן די שיך?

דער איד האט געענטפערט: עס שטייט ביי אונז אין דער תורה, אז ווען דער רבש"ע האט זיך באוויזן צו משה אין דארן, האט דער רבש"ע צו משה געזאגט: טו אויס די שיך פון דיינע פיס, ווייל דאס ארט אויף וועלכן דו שטייסט איז הייליג, דאס הייסט, אז אין א הייליגן ארט טאר מען ניט שטיין אין די שיך. דאס צימער, וואס דו זיצסט אין אים איז ביי אונז חשוב און דעריבער דארף מען נישט שטעהן דא מיט די שיך אנגעטאן אויף די פיס.

דער שופט פון ווילנע האט געפרעגט דעם איד: אבער פארוואס האסטו די שיך גענומען אין דיין האנט? פארוואס האסטו זיי ניט איבערגעלאזט אין ווארטע צימער?

האט דער איד געענטפערט דעם שופט: איך האב מורא געהאט צו לאזן מיינע שיך אין ווארטע צימער, ווייל דא איז דאך פאראן א קאראאימער האב איך מורא געהאט, אז ער וועט די שיך צוגנבענען.

דער פארטרעטער פון די קאראאימער האט א געשריי געטאן מיט כעס: וואס?! די קאראאימער זענען דען גנבים?!

דער איד האט געענטפערט: איך וועל דיר וויזן א ראי' פון דער תורה, אז די קאראאימער זענען גנבים. אין דער תורה שטייט, אז ג־ט האט געהייסן משה אויסטאן זיינע שיך, אבער ס'שטייט ניט, אז משה האט זיי צוריק אנגעטאן. ווייל

דארט איז געווען א קאראאימער און דער קאראאימער האט די שיך צוגעגנבעט.

דער פארטרעטער פון די קאראאימער האט אויסגעשריגן מיט כעס: וואס זאגסטו אז א קאראאימער האט די שיך צוגעגנבעט? דאן זענען נאך אפילו קיינע קאראימער ניט געווען. די קאראימער זענען דאך געווארן אזוי פיל שפעטער!

דער שופט פון שטאט האט געהערט פון קאראאימערס מויל, אז די קאראאימער זענען געקומען אין דער היסטאריע אסך שפעטער. און דאס אידישע ווילנע איז געראטעוועט געווארן פון די טענות פון די קאראאימער.

שכר פון א מצוה

די דערצעהלונג האב איך געהערט פון מיין רבי, ר׳ יצחק מיסקי זכרונו לברכה.

אין א פרוכט געשעפט איז אמאל אריינגעקומען אן ארימער איד און געקויפט א פרי וואס ס׳איז געבראכט געווארן פון ארץ ישראל. ער האט פאר די פרי באצאלט זייער טייער, געמאכט די ברכה בורא פרי העץ און דערנאך „שהחיינו" און ער האט די פרי געגעסן.

ביי דער זייט איז געזעסן א רייכער גוי. דער גוי האט זיך געוואונדערט. ער האט געזעהן לויט דעם איד׳ס קליידונג, אז ער איז זעהר ארעם און ער האט נישט פארשטאנען, ווי קען זיך ערלויבן אזא ארימער מענטש צו קויפן אזא טייערע פרי?

דער גוי האט איהם געפרעגט: איך זעה אז דו ביזט אן ארימער מענטש. ווי ערלויבסטו זיך צו קויפן אזא טייערע פרי? איך בין זייער רייך און איך האב נאך קיינמאל זיך נישט ערלויבט צו עסן די פרי.

דער איד האט געענטפערט: איך עס די פרי נישט צוליב דעם, ווייל איך וויל עסן א געשמאקע פרי, נאר ווייל היינט איז א „יום טוב" (חמשה עשר בשבט) איז א מצוה צו עסן פירות פון ארץ ישראל, און מאכן אויף זיי א ברכה.

זאגט דער גוי צום איד: איך בין אזוי רייך און איך האב זיך נאך קיינמאל נישט ערלויבט צו עסן אזא טייערע פרי און דו עסט דאס נאר ווייל ס׳איז א מצוה! אפשר גלויבסט דו מיר נישט אז איך בין רייך, קום וועל איך דער וויזן. ער איז אוועק מיט דעם איד צו זיך אין הויף און אים באוויזן זיין פארמעגן.

זיין הויז איז געווען זעהר שיין. נעבן הויז איז געווען א שיינער גארטן און אין דעם גארטן האבן געוואקסן די שענסטע און בעסטע פרוכטן.

דער גוי האט באוויזן דעם איד שטאלן פול מיט פערד און בהמות און ער האט איהם באוויזן נאך פיל טייערע זאכן.

צום סוף האט איהם דער גוי אריינגעפירט אין א אלטע שמידעריי און האט איהם צוגעפיהרט צו א צובראכענעם שמיד־טיש. דער גוי האט באוויזן דעם איד, אז דער שמיד־טיש איז נאר פון אויבן באדעקט מיט אן אייזערנע דעק. אינווייניק איז פאראן א לאך אויסגעפילט מיט גאלד און דימאנטן.

דער גוי האט געזאגט צו דעם איד: פון דעם גאלד און דימאנטן ווייס קיינער נישט אויף דער וועלט. קיינע קינדער האב איך ניט. מיין פרוי איז געשטארבן מיט 2 יאהר צוריק. אין מיין הויז געפינט זיך א קנעכט און איינער מיינער א ווייטער פריינד. דער פריינד איז א גרויסער שיכור און א גזלן. ווען ער וואלט וויסן פון דעם גאלד און דימאנטן, וואלט ער מיר שוין לאנג געהרגעט און אוועקגערויבט דאס פארמעגן, אבער קיינער אויסער מיר ווייס נישט פון דעם פארמעגן. איך זעה אבער אז דו ביזט אן ארנטליכער מענטש, ווייז איך דיר אלעס, כדי דו זאלסט זעהן ווי רייך איך בין און נישט געקוקט אויף מיין רייכקייט, פארגין איך מיר נישט צו עסן אזא טייערע פרי און דו עסט עס נאר ווייל ס׳איז א מצוה.

* * *

דער גוי האט ארויסגעפירט דעם איד פון הויף, געזעגנט זיך מיט איהם און דער איד איז אוועק.

עטליכע טעג נאכדעם ווען דער איד איז דורכגעגאנגען פארביי דעם הויף פון דעם פריץ, האט ער געהערט, אז דער גוי איז פלוצלינג געשטארבן. דעם איד איז באלד געקומען אויפן געדאנק, אז ער דארף אפקויפן די שמידעריי.

דער איד פלעגט גיין אלע טאג פארביי דעם הויף פון דעם פריץ, אפשר וועט ער עפעס הערן. איינמאל האט ער דערזעהן א מעלדונג, אז מ׳פארקויפט דאס אייגנטום פון דעם פריץ.

דער איד איז אריינגעגאנגען צו דעם פריצ׳ס פריינד און געבעטן, ער זאל איהם פארקויפן די שמידעריי. דער פריינד האט פארקויפט דעם איד די שמידעריי פאר גאר קליינע געלט, ווייל זי איז שוין געווען אלט און צובראכן.

דער איד האט פון דעם שמיד־טיש ארויסגענומען דעם גאנצע גאלד או דימאנטן און איז געווארן א רייכער מענטש.

פורים טאנץ אין די לאגערן

עס איז געווען דאן חנוכה, און אין סלאנימער שטיבל האבן זיך צוזאמען געקליבן א סך חסידים צום רבין הצדיק רבי אברהם וויינבערג זצ״ל (דער האט באזוכט אין ארץ ישראל מיט 50 יאר צוריק). אויף א ביינקל איז געשטאנען דער חנוכה־לאמפ מיט זיינע פינקלדיגע באשיידענע ליכטלאך, נעבן דעם דער רבי וואס זאגט די פזמונים פון חנוכה ווי מזמור שיר חנוכת א.ד.ג. אין זייט שטעהט א לאנגער טיש וואס אויף דער אנדערע זייט שטייען הונדערטער חסידים וואס זינגען נאך ווערטער מיט גרויס התלהבות און דביקות'דיג נוסח סלונים.

פלוצלינג ווערט איבערגעריסן די חנוכה פייערליכקייט. א פארווייטע צובראכענע פרוי כאפט זיך אריין אין שטיבל און דערנענטערט זיך צום טיש מיט געוואלדן: „מיין קינד איז פארביי״!

אין בית מדרש איז געווארן שטיל נישט וויסנדיג וואס דא איז געשעהן און וואס טוט מען דא. און די פרוי שרייט ווידער: „איך פארשטיי נישט — דא איז פאראן א רבי מיט אזוי פיל חסידים און זיי קענען נישט אויסבעטן יארן פאר מיין איינציג קינד?״

דאס איז געווען די פרוי פון הער האבערמאן, א באוואוסטער פערזאן אין בעראנאוויץ, גבאי אין א מאדערנע שול. לאנגע יארן האבן זיי נישט געהאט קיין קינדער. נאכער האט זיי ג־ט געהאלפן מיט דאס איינציגע אינגעלע. עפעס דעם אוונט איז דאס קינד פאר'חלש'ט געווארן. דער רייכער הער האבערמאן האט גערופן אלע דאקטורים פון געגנט און די זענען געשטאנען נעבן בעטל פון קינד און האבן אפן ערקלערט אז זיי וויסן נישט וואס צו טאן דא צו רעטן דאס קינד. די עלטערן זענען געווען זייער צובראכן. האט זיך עפעס א שכנה אריינגערוקט און געגעבן דער פרוי א עצה זי זאל זיך ווענדן צום סלאנימער רבין וואס געפינט זיך אין בית מדרש וואו מען צינדט חנוכה ליכט. זיי זענען בעצם געווען גאנץ ווייט פון רביים מיט חסידים, אבער ווען די לאגע איז אזוי ערנסט קוקט מען נישט און די פרוי איז געלאפן דארטן.

דער רבי האט זיך אנגערופן צו די חסידים מען זאל זאגן די פרוי אז מען זאל צוגעבן דאס קינד א נאמען „מתתיהו״, און ווען דאס קינד וועט בעסער ווערן, זאל דער פאטער פון קינד ברייגנען 18 דאלאר „ארץ ישראל געלט״.

זיבן א זייגער אין דער פרי איז שוין געשטאנען דער מאן אין בית מדרש מיט 18 דאלאר אין האנט צו געבן דעם רבין. דאס קינד האט גענומען ווייזן א פארב א לעבן־קאליר און די דאקטורים זאגן אז עס ווערט בעסער און בעסער.

הער האבערמאן איז געבליבן גבאי אין זיין מאדערנע שוהל. ווען די חברה דארטן האבן אמאל גענומען אפ׳חוזקן פון רביים מיט חסידים — האט זיך האבערמאן אנגערופן: ווען דער בויך וועט דיר כאפן קראמפן, צו וועמען וועסטו לויפן, צו נחום סאקאלאוו אדער צום רבי׳ן?...

ווען די דייטשן ימ״ש זענען אריינגעקומען אין באראנאוויטש, האבן זיי באלד געשאפן א געטא, דער סלאנימער רבי, הצדיק רבי שלמה דוד וויינבערג הי״ד, וועלכער האט אויך געוואוינט אין באראנאוויטש איז אויך אריין אין געטא. ער איז געגאנגען אנגעטאן אין זיינע חסידישע מלבושים, און אלע אידן האבן זיך צו אים געווענדעט נאך עצות און הילף.

ווען דער געטא אין באראנאוויטש איז ליקווידירט געווארן אין חודש טבת תש״ג איז דער סלאנימער רבי אריבערגעפירט געווארן אין א דייטשן ארבעטס לאגער לעבן באראנאוויטש.

דער סלאנימער רבי איז תמיד ארומגעגאנגען — זאגן עצות די מענטשן וואס זענען געבליבן פון דארט — מיט א שמייכל אויפן פנים און אין די אויגן, רוהיג און געלאסן, ליבליך צו יעדן און באשיידן.

דער סלאנימער רבי האט אין דעם דייטשן ארבעט לאגער געארבעט אלס „סטאלער״.

נאך דער ארבעט, אין די באראקן, האט דער רבי געהאט ארום זיך א גרופע חסידים און פארערער.

דריי מאל א טאג האט דער רבי געדאוונט. אין דערפרי האט ער זיך מוסר נפש געווען צו דאוונען אין טלית און תפילין, כאטש דאס איז געווען א גרויסע סכנה, ווייל די רוצחים האבן געקענט פלוצלינג אריינקומען.

דער רבי האט קיין מאל נישט געארבעט אין שבת און אין יום־טוב. דער רבי איז באפרייט געווארן אין די דאזיגע טעג אלס קראנקער.

אידן אין ארבעט לאגער האבן אים געהאלפן. ווען עס איז געקומען א קאנטראל, האט דער רבי גענומען דעם הובל אין דער האנט אריין געפירט איבער די ברעטער. ער האט זיך קיינמאל נישט ארויסגערוקט, ווען ער האט זיך דערמאנט וועגן זיין אומגעבראכטער פאמיליע האט ער אנגעהויבן אונטערצוזינגען א חסידיש זמרל.

— „עס קומען צו מיר אידן — שרייבט ד״ר ליעווינבוך, איינער פון די עלטסטע פון יענעם לאגער — און בעטן אז איך זאל איהם נישט באפרייען יעדן שבת, ווייל די דייטשע אויפזעער קענען זיך ארומזען, און אלע קענען נאך

באשטראפט ווערן. איך בארוהיג זיי אז דער איינציגער פאראנטווארטליכער פאר דעם בין איך און זיי דארפן נישט מורא האבן..."

אום פורים וויל דער סלאנימער רבי גיין טאנצן כדי מקיים צו זיין די מצוה פון „עד דלא ידע" און טאנצן אין פורים אויף המן'ס מפלה.

און ווי אזוי מאכט מען דאס?

ווען דער רבי וועט אין זיין באראק טאנצן מיט די חסידים, וועלן דאס דערהערן די קריסטליכע קאצעטניקעס אין שכנות'דיגן באראק, און זיי וועלן מסרן פאר די דייטשן אז דער רבי האט געטאנצט.

די קריסטליכע ארבעטער אינעם לאגער זענען אויך געווען שקלאפן, אבער זיי זענען געווען גרויסע אנטיסעמיטן און צו זיי האבן זיך די דייטשן באצויגן מענטשליכער ווי צו די אידן.

דער סלאנימער רבי וויל אבער פארט טאנצן אין פורים...

פאלט דער רבי אויף אן אריגינעלער המצאה.

פורים ביי נאכט, פארן גיין שלאפן, לאדט ער איין אין זיין באראק די קריסטן, וואס זייער טיר גייט ארויס אין אידישן באראק, און ער פארפירט מיט זיי א שמועס וועגן טענץ.

— ווער טאנצט בעסער, מיר אידן צי איר?

די קריסטן ווערן מלא חמה און זיי זאגן:

— פארשטייט זיך, אז מיר טאנצן בעסער פון אייך. ווי קומט איר, זשידלאקעס, צו קענען טאנצן?

— נו, באווייזט וואס איר קענט!

די קריסטן הויבן אן צו טאנצן. זיי באווייזן וואס זיי קענען. דער רבי גיט צו ביסלעך משקה און דער עולם צעווארעמט זיך. די קריסטן טרינקען צו ביסלעך און זיי צעהוליען זיך און טאנצן.

— און איצט באווייזט איר וואס איר קענט — שרייען די קריסטן צו די אידן.

אויף דעם טאקע האט דער רבי געווארט.

איצט האט דער רבי געטאנצט מיט די חסידים א התלהבות'דיגן טאנץ. זיי האבן געזונגען „שושנת יעקב צהלה ושמחה" און געטאנצט מיט א חסידישן ברען...

דער סלאנימער רבי האט זיין ציל דערגרייכט. ער האט פורים געטאנצט מיר די חסידים אין דעם שאטן פון טויט און ער האט נישט קיין מורא געהאט אז די קריסטן וועלן אין דער פרי פארמסרן פאר די דייטשן, ווייל זיי אליין האבן דאך אויך געטאנצט...